# פרשת כי תצא ח' – י"ד אלול תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת כי תצא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אהרן פריעד** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת הילולא של מרן **הגה"ק רבי יונתן שטייף זצוק"ל** אב"ד דקהלתנו הק', שהתקיים בבית מדרשנו בוויליאמסבורג. אחר דברי זכרון על ידי נכדיו **הרה"ג רבי יעקב מנחם שטייף שליט"א** (מו"ץ בקיט"ל סאטמאר), והר"ר **שלמה שטייף** הי"ו, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען צו די סעודת הילולא פונעם גרויסן גאון רבי יונתן זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. מען האט פריער געהערט פון די חשובע אייניקלעך וואס יעדער איינער לפי דרכו האט ארויסגעברענגט זיין גדלות. איך האב נישט געהאט די זכיה אים צו קענען אזוי פון דער נאנט, אבער ווער קען נישט רבי יונתן?! ווען מען גייט ארויס אויף די גאס, און מען דערמאנט דעם נאמען, ווייסט יעדער איינער זיין גדלות אין תורה, זיין גדלות אין מדות טובות, זיין ענוה און שפלות רוח, וואס ער איז געווען כמעט פון די געציילטע וואס עס האט זיך קאמבינירט ביי אים אלעס צוזאמען.

**מען** זאגט יעדן טאג ביים דאווענען, תנא דבי אליהו, כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא, אויב מען לערנט הלכות יעדן טאג, איז מען מובטח אז מען איז א בן עולם הבא, שנאמר (חבקוק ג-ו) הליכות עולם לו, אל תקרי הליכות אלא הלכות (נדה עג.). ער דרש'נט דעם ווארט הליכות, אז עס איז הלכות. און דער וואס לערנט הלכות, איז עולם לו, וועט ער זוכה זיין צו זיין א בן עולם הבא. עס איז נאך אלץ שווער צו פארשטיין, ווייל ער איז א שונה הלכות בכל יום, יעדן טאג האט ער געלערנט א הלכה, וועגן דעם ווערט מען שוין א בן עולם הבא?! און וואס איז אויסער הלכות וואס מען האט געלערנט, אויף דעם איז נישט דא קיין חשבון? נאר ווייל מען האט געלערנט הלכות, איז מען א בן עולם הבא? און וואס איז דער הליכות עולם לו, עס וואלט געדארפט שטיין בפירוש הלכות עולם לו. עס שטייט הליכות, און מען טוט עס משנה זיין אויף הלכות.

**מען** געפונט אין פרק אבות (פרק ו'), אז דער תנא הייבט אן, שנו חכמים בלשון המשנה, ברוך שבחר בהם ובמשנתם. ער זאגט, אז די חכמים האבן געלערנט די משניות בלשון המשנה. און אז מען רעדט פון די חכמים, זכר צדיק לברכה, דערמאנט מען זייער חשיבות, 'ברוך', געלויבט איז דער אייבערשטער, 'שבחר בהם', וואס האט בוחר געווען אין די חכמים, 'ובמשנתם', און אין זייער תורה.

**איך** האב געזעהן טייטשען, אז עס גייט נישט ארויף אויפן אייבערשטען, וואס דער אייבערשטער האט בוחר געווען אין זיי, נאר עס גייט ארויף אויף דעם מענטש וואס איז בוחר אין זיי. 'ברוך', געבענטשט זאל זיין דער מענטש, 'שבחר בהם', וואס איז בוחר אין די חכמים, ובמשנתם, און ער איז בוחר אין זייער לערנען. ווען ער רעדט פון די חכמים, זאגט ער אז מען דארף זיך מדבק זיין אין חכמי ישראל. ברוך, עס זאל זיין געבענטשט, שבחר, ווען איינער איז בוחר, בהם ובמשנתם. – וואס איז דער דאפעלטער לשון, בהם, אין זיי, ובמשנתם, און אין זייער לערנען.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז, ביי א ערליכען יוד איז דא צוויי חלקים פון זיין גדלות. איינס, משנתם, ער האט אסאך געלערנט, ער קען כל התורה כולה, ער איז א ספר תורה, ער קען אלעס וואס דער אייבערשטער האט געגעבן, עס האט א חשיבות זיין תורה וואס ער האט אין זיך. און נאכדעם איז דא, אז נישט נאר ער לערנט תורה, נאר די תורה וואס מען לערנט איידלט אויס דעם מענטש, אז דער מענטש ווערט א אנדערער סארט מענטש, נאכדעם וואס מען איז געזעסן און געלערנט. זיין הנהגה ווי אזוי ער פירט זיך אויף, ווי אזוי עס איז זיין רעדן, ווי אזוי עס איז זיין גיין, ווי אזוי עס איז זיין עסן. אין יעדע נקודה, איז א גדול בישראל א אנדערער סארט יוד ווי א צווייטער. עס איז דא וואס דער אייבערשטער איז בוחר, נישט נאר במשנתם, אין זייער לערנען, אזוי ווי דער מענטש וואס איז בוחר אין די תורה פון דעם חכם. נאר מען

איז בוחר בהם, אין זיי אליין. ווי אזוי זייער הנהגה איז, ווי אזוי זיי פירן זיך, ווי אזוי זיי לערנען, ווי אזוי זיי דאווענען, פון אלעם קען מען זיך אראפלערנען פון א ערליכען יוד אן עבודת ה'.

**עס** שטייט אין **קרן לדוד** (פ' דברים אות ו'), אז דער פסוק (שמואל א יח-יד) זאגט, ויהי דוד לכל דרכיו משכיל. דער פשוט'ער פשט איז, אז אין יעדע זאך וואס דוד המלך האט געטון, האט ער איבערגעטראכט וואס מען דארף צו טון. לכל דרכיו, אלע זיינע וועגן, משכיל, האט ער געטון מיט שכל. זאגט דער **קרן לדוד**, דוד המלך אין יעדע זאך וואס ער האט געטון, האט ער געברענגט שכל פאר אנדערע. ווען מען האט אנגעקוקט ווי אזוי דוד המלך פירט זיך, האט מען זיך פון יעדע זאך געקענט אראפלערנען, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. ויהי דוד, דוד איז געווען, לכל דרכיו, אין אלע זיינע וועגן, משכיל, האט ער יענעם געגעבן שכל, ער האט יענעם געלערנט ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. דאס איז דער ברוך, ווען א מענטש איז בוחר, בהם ובמשנתם, נישט נאר אין די תורה אליין איז ער בוחר, נאר ער איז בוחר 'בהם', אין דעם וועם די תורה האט איבערגעאיידלט, און ער איז בוחר אין די מדות טובות וואס דער מענטש פירט זיך, דעמאלטס איז ער ברוך.

**ווען** א מענטש לערנט הלכות, איז ער דאך באגרעניצט וויפיל ער קען לערנען. ער קען דאך נישט זיצען און לערנען פון צופרי ביז ביינאכט, הנהג בהם מנהג דרך ארץ, ער דארף עוסק זיין אין אנדערע זאכען אויך. אבער איינער וואס האט זיך אויסגעארבעט, אז אין יעדע זאך וואס ער טוט, קען מען זיך לערנען תורה און עבודת ה', ער לערנט הלכות דעם גאנצן טאג, ווייל וואו ער גייט, און וואו ער שטייט, און וואס ער טוט, אין אלעם קען מען זיך ביי אים אראפלערנען. נישט נאר די שעה וואס ער זיצט און לערנט, וואס ער איז שונה מיט אנדערע, דעמאלטס לערנט מען ביי אים תורה, נאר דעם גאנצן טאג קען מען זיך ביי אים לערנען. ווייל פון יעדע הליכה זיינע, פון יעדע זאך וואס ער טוט, קען מען זיך לערנען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**כל** השונה הלכות בכל יום, ווען איינער לערנט הלכות 'דעם גאנצן טאג', דעם גאנצן טאג איז ער שונה הלכות, ווייל וואו ער גייט און וואו ער שטייט, און וואס ער טוט, פון אלעם קען מען זיך אראפלערנען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, דער איז א בן עולם הבא. עס איז נישט נאר ברוך שבחר 'במשנתם', ער האט בוחר געווען אין זייער לערנען, נאר עס איז בחר 'בהם' ובמשנתם, אז אויסער זיין תורה לערנט מען זיך אראפ 'בהם', אין זיי. ווי אזוי זיי פירן זיך, לערנט מען זיך אראפ, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, דער איז א בן עולם הבא, שנאמר, ווייל אזוי שטייט אין פסוק, הליכות, ביי דעם וואס מען לערנט ביי אים נישט נאר די הלכות, נאר מען לערנט אויך פון זיין הליכה, ווי אזוי ער גייט, און ווי אזוי ער פירט זיך, זיינע הליכות זענען הלכות, ביי יעדע זאך וואס ער טוט, קען מען זיך אראפלערנען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. אזא הליכות, אל תקרי הליכות אלא הלכות. אויב זיינע 'הליכות' זענען הלכות, וואס לערנט אנדערע, דעמאלטס 'עולם לו', דעמאלטס איז ער זוכה אז ער איז א בן עולם הבא.

**און** עס איז פארבינדען איינס מיטן אנדערן, ווייל נישט פון יעדן איינעם קען מען זיך אראפלערנען די הליכות ווי אזוי ער פירט זיך, ווייל טאמער איז ער נישט א תלמיד חכם, און ער ווייסט נישט ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, טאר מען זיך נישט אראפלערנען פון דעם וואס מען זעהט אז ער פירט זיך אזוי און אזוי, אז מען דארף אזוי און אזוי טון, ווייל אפשר פעלט אים אין די הלכה, און ער ווייסט נישט ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. אבער ווען איינער איז א שונה הלכות, ער קען כל התורה כולו, נאכדעם קען מען זיך אראפלערנען פון זיינע הליכות ווי אזוי ער פירט זיך, ווייל מען ווייסט אז וואס ער האט געטון, איז אויסגעהאלטן אז מען קען זיך פון אלעם אראפלערנען, און דער איז א בן עולם הבא.

*

**א** מענטש אויף יענער וועלט איז נאר א עומד, ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה (זכריה ג-ז). ווען א מענטש לערנט תורה מיט אנדערע, איז נישט נאר וואס ער לעבט, און ער קען דינען דעם אייבערשטען אויף די וועלט, נאר ווען זיין תורה איז מתבדרין בי מדרשא, און מען זאגט נאך פון זיין תורה, און מען פירט זיך אין די וועגן ווי אזוי ער האט זיך געפירט, ווערט ער א הולך אפילו ווען ער איז אויף יענע וועלט אויך. דער וואס איז א שונה הלכות בכל יום,

דער וואס טוט שונה זיין הלכות א גאנצע טאג, אז סיי מען לערנט זיך פון אים תורה, און סיי מען לערנט פון אים ווי אזוי עס דארף זיין די הליכות פון א מענטש. הליכות עולם לו, ער איז א הולך שטענדיג. ער האט א הליכה אפילו ווען ער איז שוין א בן עולם הבא. אל תקרי הליכות, מען קען נישט זוכה זיין אז עס זאל זיין הליכות עולם, אז ווען מען איז שוין אויף יענע עולם זאל מען זיין א הולך, אלא הלכות, נאר דורך הלכות.

**דאס** איז געווען דער צדיק רבי יונתן. עס איז נישט נאר זיין תורה וואס איז מתבדרין בבי מדרשא, זיינע פסקים, זיינע תשובות, וואס ווערט געניצט איבעראל, ווי אזוי יודען דארפן זיך צו פירן. נאר ווער עס האט אים געקענט, און ווער עס פארציילט נאך פון די וואס האבן אים געקענט, ווייסן אז זיין הליכות איז געווען א אויסנאם ווי אזוי א ערליכער יוד דארף זיך צו פירן. ער האט מיט יעדען ריר, וואו ער איז געגאנגען, איז ער געווען א שונה הלכות. מען האט זיך אויסגעלערנט פון זיין ענוה, פון זיין גדלות, און פון זיינע מדות טובות, ווי אזוי א ערליכער יוד דארף זיך צו פירן. איז הליכות עולם לו, בלייבט ער א הולך אויף שטענדיג.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז זיין זכות זאל מגין זיין אויף די קינדער און די אייניקלעך און אור אייניקלעך, ער האט ב"ה איבערגעלאזט א גרויסע משפחה תלמידי חכמים און יראי ה'. און אונז אלע, אונזער קהלה, זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל קענען ווייטער בליען מיט תורה און עבודת ה'. די כוחות און די קדושה וואס ער האט אריינגעלייגט, קדושה ראשונה קידשה לשעתה וקידשה לעתיד לבוא (עדיות ח-ו), די קדושה וואו א צדיק איז געווען, דאס בלייבט א נצחיות אויף שפעטער אויך. עס איז היינט ב"ה געווארן א בית המדרש וואו מען לערנט און מען דאווענט, עס איז אנגעפולט מיט תורה און עבודת ה'. און דאס נעמט זיך אלץ פון די קדושה ראשונה וואס מען האט אראפגעלייגט אויף דעם מקום. זאל ער זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע, און מיר זאלן זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר, און א כתיבה וחתימה טובה, און אקעגן גיין משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **משה אהרן גאנדל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים יהושע גליק** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת כי תצא***

אחר התפלה התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **מאיר סאלאמאן** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לסידור קידושין אצל החופה של הר"ר **יוסף דוד כ"ץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נחמיה זילבערבערג** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת טשארנא.

אחר החופה עלה **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **דוד כ"ץ** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והתפלל שם תפלת מעריב.

אחר מעריב עלה **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **מיכל נידערמאן** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל שמחת החתונה של בת הר"ר **עזרא מנחם בויער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מנחם משה ווייס** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת השבע ברכות של בת **הרה"ג רבי יוסף הורוויץ שליט"א** ראה"כ מונקאטש (בן הגה"צ רבי אלתר יחזקאל הורוויץ זצ"ל ראב"ד דקהלתנו הק' בב"פ, וחתן כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי דוד שווארץ שליט"א** ראה"כ באיאם, שהתקיים באולם ביקאווסק. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**. אחר ברכת המזון נתכבד **רבינו שליט"א** באמירת שש ברכות הראשונות.

*

***יום שלישי פרשת כי תצא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה והשתתף אצל השבע ברכות של בת הרה"ג **רבי אלימלך שפיטצער שליט"א** (מנהל ישיבה גדולה). במשך סעודת השבע ברכות נשמעו דברים על ידי הרה"ג **רבי יואל משה מרדכי שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק'), הבעל שמחה הרה"ג **רבי אלימלך שפיטצער שליט"א, הגה"צ גאב"ד טענקא פלעטבוש שליט"א** (שאכסניית הישיבה גדולה נמצא בבית מדרשו), והר"ר **אברהם פנחס בערקאוויטש** הי"ו, אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו. אחר ברכת המזון נתכבד **רבינו שליט"א** באמירת שש ברכות הראשונות, ורקד עם החתן והמחותנים, והתפלל שם תפלת מנחה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ברשות** דעם מרא דאתרא פון דעם בית המדרש (**הגה"צ מטענקא שליט"א**), מען האט פריער געהערט אזעלכע שיינע דברי תורה, פון דעם רב זאל זיין געזונט, פון מיין זון רבי משה מרדכי, פון דעם מנהל, ואחרון אחרון חביב רבי אברהם פנחס, וואס איז א מוסטער זיך אראפצולערנען וואס די יוגענט ברענגט. מען וואקסט אויס א בעל הבית, און פון דעסטוועגן דאך די תורה וואס מען האט איינגעזאפט אין די יונגע יארן, דאס באגלייט. שטענדיג ווען מען רעדט, רעדט מען פון דברי תורה, זיינע מעשים וואס ער טוט אלץ פאר תורה, וואס איז ממש נישט צו באשרייבן. זאל אים דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך אסאך כח, להגדיל תורה ולהאדירה.

**איך** האב אן הכרת הטוב פארן חשוב'ן מנהל, מקצת שבחו בפניו, מען דארף אים נישט רימען דא, ווען מען רעדט צווישן די בחורים וואס לעבן מיט צוזאמען אזויפיל צייט אין טאג, און אזויפיל יארן שוין צוזאמען ביי א טייל בחורים. וואס יעדער האט אסאך צו פארדאנקען פארן מנהל, דעם מצב צו וואס ער איז צוגעקומען, און צו די מדריגה וואס ער האלט. ער איז עומד על המשמר אז די בחורים זאלן לערנען, און ער שטעלט אלעס צו פאר די בחורים, אז זיי זאלן קענען שטייגען. דער אייבערשטער האט אים געהאלפן אז ער האט באקומען א חתן וואס איז א אמת'דיגער תלמיד חכם, און גענומען א בת תלמיד חכם, ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל. זאל דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן קענען אויפבויען א שיינע יודישע שטוב אינאיינעם.

**איך** וויל זיך אפשטעלן אויף א זאך וואס איז נוגע פאר די בחורים, און מעגליך אז עס איז א תועלת נישט נאר פאר די בחורים, נאר פאר די גאנצע צוות פון די ישיבה, עס איז נוגע פאר די מגידי שיעורים, וואס זענען די משפיעים פאר די בחורים. איך וועל אנהייבען מיט א פסוק, די תורה פארציילט, אז משה רבינו, פאר זיין הסתלקות, ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט אז ער וועט נישט אריינגיין קיין ארץ ישראל, האט ער געבעטן אז דער אייבערשטער זאל שטעלן א מנהיג פאר יודען, יפקוד ה' אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה וגו', ולא תהיה עדת ה' כצאן אשר אין להם רועה (במדבר כז-טז). און דער אייבערשטער האט געזאגט, פיין. קח את יהושע בן נון, נעם דיין תלמיד יהושע, איש אשר רוח בו, ער איז א מענטש וואס האט אין זיך א גייסט, וסמכת את ידך עליו, זיי אים סומך, און ער וועט איבערנעמען דיין פלאץ.

**רש"י** ברענגט צו, אז משה רבינו האט געטראכט, אפשר זאלן זיינע קינדער איבערנעמען זיין גרויסקייט. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, לא כך עלתה במחשבה לפני, איך האב נישט אזוי געטראכט, כדאי הוא יהושע ליטול שכר שימושו שלא מש מתוך האוהל. יהושע וואס האט דיך אזוי געטריי באדינט, ער איז נישט אוועקגעגאנגען פון דיין געצעלט, ער זאל איבערנעמען, ער זאל זיין דער מנהיג ביי יודען. און אויף דעם האט שלמה המלך געזאגט (משלי כז-יח), נוצר תאנה יאכל פריה, אז דער וואס פלאנצט איין די תאנה, דער זאל עסן די פירות דערפון. דער יהושע וואס האט אזוי געטריי באדינט משה רבינו, ער זאל זיין דער מנהיג פון יודען. און עס איז א געוואלדיגע פלא, האט מען שוין געהערט אזא זאך, אז דער גבאי פונעם רבי, דער שמש, און דער הויז בחור, און דער באדינער, ווייל ער האט אים באדינט, דאס איז די שכר, אז ער זאל איבערנעמען משה רבינו'ס פלאץ, ער זאל זיין דער מנהיג פון כלל ישראל? מען וועט אים געבן א גוטע שכר דערויף, ער וועט באקומען גוטע וועידזש"ס. עס איז א געוואלדיגער שכר וואס איז נישט צוגעפאסט, אז ווייל ער איז געווען דער לא מש מתוך האהל, ווייל ער האט באדינט משה רבינו, זאל זיך אים קומען אזא סארט שכר דערויף.

**משה** רבינו האט געבעטן, יפקוד ה' אלקי הרוחות לכל בשר. רש"י זאגט, גלוי וידוע לפניך דעתו של כל

אחד ואחד, ואינן דומין זה לזה, יעדער מענטש טראכט אנדערש, יעדער מענטש האט א אנדערען דעת, מנה עליהם מנהיג שיהא סובל כל אחד ואחד לפי דעתו, שטעל זיי א מנהיג וואס זאל סובל זיין יעדן איינעם, ער זאל קענען מיטהאלטן מיט יעדן איינעם'ס דעת. - ווי איז דאס מעגליך, יעדע מענטש טראכט אנדערש, יעדע מענטש האט א אנדערע בליק אויפן לעבן, א אנדערע השקפה. איינער קוקט פון די ווינקל, איינער פון א צווייטען ווינקל. און משה רבינו האט געבעטן, אז דער באשעפער זאל נעמען א איש על העדה וואס זאל קענען כולל זיין אלע דעות פון יעדן איינעם. וואו איז דאס מעגליך במציאות? און דער אייבערשטער זאגט אים, יא, נעם יהושע וואס ער איז א איש אשר רוח בו, ער האט דעם כח ווי רש"י זאגט, שיוכל להלוך כנגד רוחו של כל אחד ואחד. ווי קומט דאס צו יהושע, אז ער זאל קענען גיין כנגד רוחו של כל אחד ואחד.

*

**מען** לערנט יעצט אין די חבורה פון **'ובהם נהגה'**, די גמרא אין מסכת יומא (עו.), אז אויף דעם מן שטייט אין פסוק (תהלים עח-כה) 'לחם אבירים', עס איז געפאלען לחם אבירים, און 'אכל איש', פאר איין מענטש האט מען עס געגעבן צו עסן. איז דא איין דעה אין די גמרא, זה יהושע, שירד לו מן כנגד כל ישראל, יהושע האט באקומען מן, אזוי סאך ווי גאנץ כלל ישראל האט באקומען. רש"י טייטשט, אז ווען משה רבינו איז ארויף אין הימל אויף פערציג טאג, האט אים יהושע באגלייט ביז צום בארג, און משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אויפן בארג, ויעל משה אל הר האלקים (שמות כד-יג), והמתין לו יהושע שם כל מ' יום, יהושע איז געשטאנען דארט ביים בארג פערציג טאג, ער האט אפגעווארט אז משה רבינו זאל צוריקקומען. דער מן איז געפאלען אין די מחנה, און ער איז דאך געווען ביים בארג סיני, ער איז נישט געווען אין די מחנה, למדנו שלא היה יהושע עמהם, ער איז נישט געווען צוזאמען מיט זיי ביים חטא העגל, ושם היה יורד לו מן כנגד כל ישראל, דער אייבערשטער האט אים געגעבן דארט די מן, אקעגן אלע יודען. בפשטות איז דער פשט, אז עס איז געפאלען אזויפיל מן וויפיל מען דארף האבן פאר ששים רבוא מענטשען צו עסן, איז געפאלען פאר יהושע. ווי אזוי ווייס איך אז מען רעדט פון יהושע. ווייל דא שטייט איש, לחם אבירים אכל איש, וכתיב התם קח לך את יהושע 'איש' אשר רוח בו, שטייט אויך איש. לחם אבירים אכל 'איש', דער יהושע וואס עס שטייט אויף אים איש אשר רוח בו, פאר אים איז געפאלען מן.

**מען** האט נישט געגעסן מער פון א עומר, לא העדיף המרבה והממעיט לא החסיר (שמות טז-יח). און מען קען נישט עסן מער, יהושע איז נישט געווען א רעבתן. פארוואס דארף ער האבן מן כנגד כל ישראל?! ששים רבוא פארציאנען דארף מען אים צוגרייטן?! און עס איז געווען מער פון ששים רבוא, ווייל מען האט געגעבן פאר די ווייבער מיט די קינדער וואס זענען געווען מער פון ששים רבוא. וואס איז שלעכט ווען עס פאלט פאר אים נאר איין פארציאן, צו צוויי פארציאנען וואס ער דארף צו עסן. וואס איז געווען די ענין אז עס איז געפאלען פאר אים מן כנגד כל ישראל.

**איך** האב געזעהן צוברענגען פונעם **בן יהוידע**, אז אין יעדע שטיקל מן וואס איז געפאלען פאר א יוד, אויסער די חלק הגשמי וואס מען האט געדארפט האבן צום לעבן, איז געלעגן א רוחניות'דיגער כח, עס איז געווען א לחם אבירים, לחם שמלאכי השרת אוכלין אותו (יומא עה:). די שכל וואס א יוד האט באקומען אין די תורה, האט ער באקומען פון זיין חלק מן וואס ער האט געגעסן. אין די מן איז געלעגן א גשמיות'דיגער כח פארן גוף, און עס איז געלעגן דערין א רוחניות פאר די שכל פון תורה וואס א יוד זאל קענען זוכה זיין דערצו.

**יעדע** יוד האט געהאט זיין מן. וואס עס איז געפאלען פאר ראובן איז נישט געפאלען פאר שמעון. יעדענס דעת איז דאך אנדערש, האט דער אייבערשטער מזמין געווען פאר יעדן איינעם, זיין מן וואס ער דארף האבן פאר זיין שכל. יעדער האט גענומען זיין פעקל מן וואס ער האט געקליבן צופרי, און דאס האט אים געגעבן זיין גשמיות, און עס האט אים געגעבן זיין רוחניות, צו פארשטיין תורה.

**עס** קען זיין, אז וועגן דעם ווערט די מן אנגערופן 'לבן'. אין די גמרא (שם) איז דא מערערע טעמים פארוואס עס האט געהייסען לבן. ווייל די ליבון הלכה וואס א יוד איז ארויסגעקומען אין תורה, האט

ער באקומען פון די מן. די מן איז נישט נאר געווען א עסן אין גשמיות, נאר עס האט אויך אויסגעשארפט די קאפ פון א יוד, אז מען זאל פארשטיין וואס מען לערנט. זאגט דער **בן יהוידע**, עס איז דאך געפאלען דער מן פאר יעדן איינעם לפי דעתו, לויט זיין דעת. און יהושע האט באקומען אין זיין פארציע מן, כנגד כל אחד ואחד. אלע רוחניות וואס איז דא אינעם מן, וואס יעדער זאל זיין לפי דעתו, איז געלעגן אין דעם מן וואס יהושע האט באקומען. עס איז נישט קיין הכרח אז יהושע האט באקומען אסאך מן, ער האט באקומען איין פארציע מן, אבער אין די מן איז געווען אריינגעלייגט די רוחניות וואס יעדער דארף האבן א השגה אין תורה, האט אים דער אייבערשטער געגעבן.

**די** גמרא ברענגט, אז יהושע ווערט אנגערופן איש, ווייל עס שטייט איש אשר רוח בו. ווי אזוי האט יהושע געקענט זיין א איש אשר רוח בו, שיכול להלוך כנגד רוחו של כל אחד ואחד. ווייל ער האט דאך זוכה געווען צו נעמען די מן וואס איז געפאלען פאר אים כנגד כל ישראל, האט ער דאך זוכה געווען צו באקומען די השגה פון תורה וואס גאנץ כלל ישראל האט געהאט, איז ווען ער האט גערעדט צו ראובן, האט ער זיך געקענט צושטעלן צו די קאפ פון ראובן, און ווען ער האט גערעדט צו שמעון, האט ער זיך געקענט צושטעלן צו די קאפ פון שמעון, ווייל עס איז ירד לו מן כנגד כל ישראל, עס איז געפאלען פאר אים מן אקעגן גאנץ כלל ישראל. ער איז איש אשר רוח בו, ער איז דער מענטש וואס איז רוח בו, וואס ער האט אין זיך די רוח פון יעדן איינעם.

*

**יעצט** שטעלט זיך די שאלה, פארוואס האט ער עס באקומען? ער איז נאכנישט געווען דעמאלטס א מנהיג ביי יודען, עס איז געווען פערציג יאר פריער, בשעת משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אויפן בארג. פארוואס האט מען אים דעמאלטס געגעבן אזא השגה, אז ער האט באקומען אזא מן, מיט אזא השגה, מער פון גאנץ כלל ישראל.

**דער** תירוץ דערויף איז, ווייל יהושע איז געווען זייער געטריי פאר משה רבינו. זיין הכנעה וואס ער האט געהאט פאר משה רבינו, איז געווען אויסערגעווענליך. משה רבינו גייט ארויף אין הימל אויף פערציג טאג, און ער זאגט פאר יודען, עטץ זאלטס וויסן, אז פערציג טאג וועל איך נישט זיין דא, איך גיי זיין אין הימל פערציג טאג, ביז פערציג טאג בין איך נישט דא. [און דאס האט צוגעברענגט צום חטא העגל, אז מען האט געמיינט אז ער דארף אראפקומען א טאג פריער]. וואס וואלט געטון א אנדערער באדינער פון א רבי די פערציג טאג. ער וואלט אהיימגעגאנגען, און א טאג פריער וואלט ער צוריקגעגאנגען צום בארג, און אפגעווארט אז ווען משה רבינו קומט אהיים, זאל ער אים באגלייטן. יהושע האט אבער נישט אזוי געטון, יהושע איז געזעסן פערציג טאג אליין, אין א אוהל, אפגעזונדערט פון זיין שטוב, איז ער געזעסן ביים בארג סיני. דער רבי איז ארויפגעגאנגען אויפן בארג, אפשר וועט דער רבי אראפקומען אין די פערציג טאג, אפשר וועט זיך מאכען עפעס א סיבה אז ער וועט אהיימקומען פריער, איך קען נישט איבערלאזן משה רבינו ער זאל זיין אליין. איז ער געזעסן דארט פערציג טעג, אז ווען משה רבינו וועט אראפקומען, זאל ער אים קענען מקבל פנים זיין. די געוואלדיגע מסירת נפש, און הכנעה וואס יהושע האט געהאט פאר זיין רבי, אז ער האט אים אפגעווארט פערציג טאג אויף איין פלאץ, אפגעזונדערט פון זיין שטוב. נישט ווייל ער איז געווען זיכער אז דער רבי וועט קומען, נאר פאר א ספק ספק ספיקא, אפשר וועט ער אנקומען, און מען קען נישט איבערלאזן משה רבינו זאל אנקומען אליין, און קיינער וועט נישט זיין דארט. איז ער געבליבן דארט אויף דעם פלאץ.

**מען** געפונט אין די גמרא פריער (יומא נג.), אז רב יוסף איז געווען א סגי נהור, ער האט נישט געזעהן. און רבא איז געווען א תלמיד פון רב יוסף, און ווען רבא פלעגט צו קומען באזוכען זיין רבי רב יוסף, און ער איז ארויסגעגאנגען פון רב יוסף, האט ער זיך נישט אויסגעדרייט מיטן רוקן צום רבי'ן, אזוי ווי א מענטש וואס גייט ארויס, נאר הוה אזיל לאחוריה, ער איז געגאנגען צוריקצוועגס, מיטן פנים צו רב יוסף. כאטש רב יוסף האט נישט געזעהן, עס איז נישט אז ער האט געגעבן כבוד פאר א רבי וואס זעהט, דער רב יוסף האט נישט געזעהן, ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי רבא גייט אוועק פון אים, אבער רבא האט געוואוסט, און ער האט געגעבן כבוד פאר זיין רבי. עס איז נישט קיין נפקא מינה צו

דער רבי זעהט יא, צו דער רבי זעהט נישט, ער גייט ארויס מיט א דרך כבוד פונעם רבי. און דעמאלטס זעהט אויס איז מען געגאנגען אן שוך, און אזוי ווי ער האט נישט געזעהן ווי ער גייט, פלעגט ער זיך אנקלאפן די פוס אין העלצער וואס איז געווען דארט ווען מען איז ארויסגעגאנגען, אז עס פלעגט אים צו בלוטן. דהוו מנקפן כרעיה, ער האט זיך צוקלאפט די פוס, ומתווסן אסקופתא דבי רב יוסף דמא, עס איז געווען אנגעשמירט די שוועל פון רב יוסף מיט בלוט. אמרו ליה לרב יוסף, הכי עביד רבא, מען האט פארציילט פאר רב יוסף, אז דיין תלמיד רבא, פירט זיך מיט אזא כבוד צו דיר, אז ווען ער גייט ארויס בלוט אים די פוס, ווייל ער צוקלאפט זיך. אמר ליה, האט ער אים געזאגט, יהא רעוא דתרום רישך אכולהו כרכא, ווייל דו האסט געגעבן אזא כבוד פאר דיין רבי, וועסטו זוכה אז דו וועסט ווערן דער ראש ישיבה אכולהו כרכא, אויפן גאצן כרך. און רבא איז שפעטער אויסגעוואקסן דער גרויסער רבא. און דאס איז געקומען פון א ברכה וואס זיין רבי האט אים געוואוטשען, ווייל ער האט נוהג כבוד געווען אין זיין רבי. - דער **מהרש"א** גיט צו, אז פארדעם איז געווען צוויי ישיבות, אביי האט געהאט א ישיבה אויף איין מקום, און רבא האט געהאט אויף א צווייטען מקום. און שפעטער ווען אביי איז נסתלק געווארן, האט רבא איבערגענומעןביידע ישיבות צוזאמען, און ער איז געווען אכולהו כרכא, אויפן גאנצן כרך.

**זעהט** מען פון די גמרא, אז ווען מען איז מכבד א רבי, איז מען זוכה דתרום רישך אכולהו כרכא, אז מען וואקסט אויס א גדול בישראל. עס איז נישט אלץ דאס לערנען אליין, ווייל ער לערנט, און ער האט א גוטע קאפ. אויב **מען האט נישט קיין הכנעה פאר א רבי, מען איז זיך נישט מכניע אונטער תלמידי חכמים, איז מען נישט מצליח אין די תורה. און טאמער מען איז זיך מכניע, מען גיט אים די כבוד וואס קומט זיך, דעמאלטס איז מען זוכה דערצו, דתרום רישך אכולהו כרכא.**

**יהושע** האט באדינט משה רבינו מיט אזא געטרייקייט, מיט אזא הכנעה, אז פערציג טעג איז ער געווען ביים בארג, אפשר וועט דער רבי אראפקומען און ער זאל נישט שטיין אליין. האט ער זוכה געווען, אז פאר אים איז געפאלען מן, וואס דער מן האט געהאט אין זיך אזא כח, וואס ער האט געקענט גיין כנגד רוחו של כל אחד ואחד.

**משה** רבינו האט געטראכט, אפשר זאלן זיינע קינדער איבערנעמען זיין פלאץ. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, איך דארף האבן א מענטש וואס זאל זיין אלקי הרוחות לכל בשר, איך דארף האבן איינער וואס איז יוכל להלך כנגד רוחו של כל אחד ואחד, און דאס האט יהושע זוכה געווען, ווייל ער האט דיך געטריי באדינט, און פאר אים איז געפאלען מן וואס איז געווען כנגד כל אחד ואחד. איז קח לך את יהושע בן נון, איש אשר רוח בו, ער איז דער איש וואס איז רוח בו, וואס אין אים איז דא א רוחו כנגד כל אחד ואחד.

**די** מוסר השכל דערפון איז, בחורים וואס לערנען אין ישיבה, און ווי מען האט פריער געהערט (מאת הר"ר אברהם פנחס בערקאוויטש הי"ו), די חשיבות פון די יונגע יארן וואס מען האט, שבענו בבוקר חסדך, בבוקרו של אדם, ונרננה ונשמחה בכל ימינו (תהלים צ-יד). **און מען דארף האבן אסאך סייעתא דשמיא, אז מען זאל אויסוואקסען א תלמיד חכם, מען זאל אויסוואקסען א מרביץ תורה. נישט דער גוטער קאפ וואקסט אויס, און נישט דער מתמיד אסאך מאל וואקסט אויס. מען קוקט צוריק אויף די פריער'דיגע יארן, איך האב אויך געלערנט אין א ישיבה, און עס איז געווען דארט בחורים מצויינים, עס זענען געווען בחורים וואס זענען געווען עילויים, אבער נישט פון אלע האט די וועלט נהנה געווען, מיט זייער גרויסקייט וואס זיי האבן געהאט. די וואס האבן געהאט הכנעה, די וואס האבן געפאלגט, די וואס זענען געווען נכנע אונטער זייער רבי, ווען מען האט געהייסען טון האט מען נישט געפרעגט קיין קושיות, און מען האט געטון. ער האט געזוכט אפצוגעבן כבוד, און נישט געזעהן חוזק צו מאכן, און אונטערשטעלן א שטיקל וכדומה, די האבן צום סוף מצליח געווען. אז מען וויל זוכה זיין אז עס זאל זיין דתרום רישך אכולהו כרכא, איז נאר די וואס זענען צוריקגעגאנגען צוריקצוועגס מיט די פוס, און זיי האבן זיך געלאזט בלוטיגן אפילו פאר א רבי וואס האט נישט געוואוסט וואס מען טוט פאר אים, די האבן זוכה געווען.** יהושע האט איבערגענומען דעם כלל ישראל, ווייל יהושע האט געגעבן די גרעסטע מאס כבוד פאר משה רבינו.

**אז** מען וויל זוכה זיין, אז מען וויל שטייגען אין תורה, אז מען וויל צוקומען צו כתרה של תורה, עס איז ב"ה דא א צוות פון מגידי שיעורים תלמידי חכמים איינער מער פונעם צווייטען, דער מנהל לייגט אריין אזויפיל כוחות אין די בחורים. לויט די הכנעה וואס מען האט, דארט ליגט די הצלחה. אז מען וויל זוכה זיין צו כתרה של תורה, דארף מען געדענקן, אז מען דארף האבן הכנעה. עס קומט אסאך מאל שווער אן זיך מכניע צו זיין, נישט אייביג פארשטייט מען וואס מען האט געטון, און מען דארף זאגן אמן. אבער אז מען האט די הכנעה דערויף, איז מען זוכה צו כתרה של תורה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז דער מנהל זאל ווייטער זעהן שמחות און נחת ביי אלע קינדער, און נישט נאר ביי די אייגענע קינדער, נאר ושננתם לבניך (דברים ו-ז) אלו התלמידים, וואס ווערן אנגערופן בנים (רש"י שם). אז מען לערנט תורה ווערט מען אנגערופן א טאטע מיט קינדער. זאל דער אייבערשטער געבן, אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, און עס זאל זיין א בנין עדי עד, און זיי זאלן אויפבויען א בית נאמן בישראל. און פאר אונז אלע זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען שטייגען און תורה און יראת שמים. און מיר אלע זאלן האבן א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר. און זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל שמחת הבר מצוה של בן הר"ר **חיים יהודא שפיטץ** הי"ו, שהתקיים באולם זמר.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת החתונה של בת הר"ר **יחיאל אייזיק** (ב"ר יצחק זאב) **וויינשטאק** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **נפתלי נתן סאנדער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל בר מצוה של בן הר"ר **אברהם יואל יאקאבאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל.

*

***יום רביעי פרשת כי תצא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אברהם יואל יאקאבאוויטש** הי"ו, ולבן הר"ר **חיים יהודא שפיטץ** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***יום חמישי פרשת כי תצא***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יואל אברהם סאמעט** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, כי תצא למלחמה על אויביך, ווען דו וועסט ארויסגיין אין די מלחמה, ונתנו ה' אלקיך בידך, און דער אייבערשטער וועט זיי איבערגעבן אין דיין האנט, ושבית שביו, און דו וועסט פאנגען די געפענגעניש פון זיי. אין הייליגע ספרים שטייט, אז דער פסוק רעדט נישט נאר פון א מלחמה וואס מען איז ארויסגעגאנגען אקעגן א אויב גשמי, נאר ביי יעדן יוד איז דא א מלחמה וואס ער האט ביי זיך. - אין פריערדיגע ספרים שטייט, אז 'שביו' איז די ראשי תיבות ו'יבטחו ב'ך י'ודעי ש'מך (תהלים ט-יא). עס איז דא כמה ביאורים וואס עס איז די קשר צום פסוק, כי תצא למלחמה על אויביך, ונתנו ה' אלקיך בידך, און ער גיט צו, ויבטחו בך יודעי שמך.

**מען** ברענגט צו פון **תיקוני זוהר** (תיקון כב סו.), אז ווען מען מל'ט א קינד ווערט ארויפגעלייגט אויפן קינד צוויי שמות, דער שם הוי"ה מיטן שם שד"י, איינס איז מלגאו און איינס איז מלבר. די צוויי שמות זענען שורה אויף א קינד, און ח"ו אויב מען זינדיגט, גייען אוועק די צוויי שמות, און עס קומען אנדערע סארט שמות, ס"מ און שט"ן.

**עס** שטייט, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, די צוויי שמות באטרעפן צוזאמען דריי הונדערט און פערציג. שד"י איז דריי הונדערט און פערצן, דער שם הוי"ה איז זעקס און צוואנציג, צוזאמען איז עס דריי הונדערט און פערציג. וואונטשט מען אן, כש"ם, אזוי ווי דער שם וואס איז נכנס לברית, וואס ער האט באקומען די צוויי שמות, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, זאל מען בלייבען מיט די צוויי שמות.

**עס** איז העכערע ענינים וואס אונז פארשטיי מיר נישט, אבער על כל פנים מען רעדט אין פשטות, דער שם הוי"ה אז עס איז חל אויף א קינד פארשטייט מען, די העכסטע נאמען פונעם אייבערשטען איז דער שם הוי"ה. אבער אז מען רעדט פון אנדערע שמות, איז דא אסאך סארט שמות. וואס איז פונקט דער שם שד"י, אז דאס איז שורה אויף א קינד בשעת דעם ברית.

**עס** שטייט אין רש"י (בראשית מג-יד), ווען יעקב אבינו האט געזאגט פאר די קינדער, וא-ל שד"י יתן לכם רחמים, האט ער געזאגט, מי שאמר לעולמו די, יאמר לצרותינו די (תנחומא בראשית י). שד"י דאס איז שדי, אז עס איז גענוג. ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, איז די וועלט נתפשט געווארן אן א שיעור, און דער אייבערשטער האט אפגעשטעלט די וועלט, אז עס זאל מער נישט ווערן גרעסער. די, עס איז גענוג. האט יעקב אבינו געזאגט, אז ווער עס האט געזאגט פאר די וועלט די, זאל אויך זאגען פאר מיינע צרות די. קומט אויס אז דער שם שד"י, דאס נעמט זיך פון אמר לעולמו די, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, אז די וועלט זאל זיך נישט צושפרייטען מער, עס איז גענוג וויפיל עס איז.

**פארוואס** געפונט מען נישט אין די גאנצע בריאה, אז דער אייבערשטער האט באשאפן א זאך, און עס זאל זיך וועלן צושפרייטען, און מען זאל אים אפשטעלן. ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער געזאגט וויפיל די מאס פון יעדע זאך זאל זיין, און אזויפיל איז עס געווארן. ווען ער האט באשאפן דעם מענטש, האט ער געזאגט ווי הויך דער מענטש זאל זיין. און דער מענטש איז נישט געווארן העכער און העכער, ביז מען האט אים אפגעשטעלט. מען האט באשאפן דעם מענטש, ווי אזוי די צורה פון א מענטש דארף זיין. ווען דער אייבערשטער האט געוואלט באשאפן א עולם, האט ער געהאט די צורה פון די עולם, ווי אזוי עס דארף צו זיין. און ווען ער האט געזאגט אז עס זאל באשאפן ווערן א ארץ, ווערט באשאפן א ארץ. עס איז משמע אז בשעת די בריאה האט דער אייבערשטער נישט געזאגט ווי גרויס די ארץ זאל זיין, און דער ארץ איז רצתה לעשות רצון קונה, עס האט זיך צושפרייט. און מען האט אים אפגעשטעלט, שאמר לעולמי די. פארוואס?

**עס** איז יתכן צו זאגען, אז אזוי ווי דער אייבערשטער האט באשאפן אדם הראשון פון די ערד, עפר מן האדמה (בראשית ב-ז), מיר זענען אלע א חומר פון ערד. יעדע מענטש האט תאות הגוף, און מען דארף עס אפשטעלן. מען קען נישט נאכגיין אלע זאכען וואס דער מענטש גלוסט. עס דארף זיך אפשטעלן, עס דארף האבען א גבול, וואס מען מעג טון און וואס מען טאר נישט טון. דער כח וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די ארץ, און ער האט געזאגט לעולמו די, עס זאל זיך נישט צושפרייטען מער, דאס איז דער כח וואס דער אייבערשטער גיט אריין אין א מענטש, ער זאל קענען זאגען לעולמו, פאר זיין עולם הזה, זאל ער קענען זאגען די. כדי ער זאל זיך קענען אפשטעלן, און נישט נאכגיין נאך די תאות הגוף, האט דער אייבערשטער געזאגט ביי בריאת העולם די, ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט באשאפן דעם מענטש פון די ערד, האט ער געוואלט אז די ערד זאל זיך קענען מתפשט זיין, ווייל די תאות פון א מענטש איז אויך אן א שיעור, און ווען ער האט געזאגט לעולמו די, האט ער אפגעשטעלט אז עס זאל מער נישט נתפשט ווערן, און מיט דעם איז אריינגעגעבן געווארן א כח אינעם מענטש ער זאל קענען זאגען לעולמו, צו זיין אייגענעם עולם, זאל ער קענען זאגען די, אז עס זאל נישט נתפשט ווערן מער.

**ווען** מען מל'ט א קינד שטייט שוין פונעם **רמב"ם** (**במורה נבוכים** ח"ג פרק מט), אז עס איז להחליש כח התאוה. דורכדעם וואס מען מל'ט דאס קינד, קען זיך א מענטש מתגבר זיין אויף די תאות הגוף. איז דעמאלטס בשעת מען מל'ט, און מען מאכט א סימן אויף דעם, אז מען זאל זיך מונע זיין פון תאות הגוף,

האט דער אייבערשטער ארויפגעלייגט דעם שם שד"י אויפן מענטש, שאמר לעולמו די, דו זאלסט וויסן אז דו האסט די כוחות הנפש אין דיר, אז דו זאלסט זיך קענען פירן ערליך. ווייל דער אייבערשטער האט אויך בשעת די בריאה אפגעשטעלט די ערד, און ער האט געזאגט די, און מיט דעם וועט ער האבען א כח זיך צו קענען מתגבר זיין אויפן יצר הרע.

**קומט** אויס, אז ווען מען איז זיך מתבונן אויף די שמות וואס א מענטש האט אויף זיך, זעהט מען אז א מענטש האט מעגליכקייטן. דער אייבערשטער האט געגעבן כח פאר א מענטש, אז ער זאל זיך קענען צוריקהאלטן פון זינדיגען. אזוי שטייט אין די גמרא (שבת קד.), הבא ליטהר מסייעין אותו. אלמלא הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו (סוכה נב:). הקב"ה עוזרו איז דער שם שד"י וואס דער אייבערשטער האט ארויפגעלייגט אויפן מענטש, אז מען קען זאגען לעולמו די.

**וועגן** דעם וואונטש מען אן, כשם שנכנס לברית, מיט די שמות וואס מען איז אריינגעגאנגען לברית, איז דאך איינע פון די שמות דער שם שד"י, שאמר לעולמו די, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, זאל ער זיך קענען פירן ווייטער ערליך. ווייל ער האט אויף זיך דעם שם שד"י, וואס דער שם גיט די כוחות הנפש אז מען זאל קענען זאגען לעולמו די.

**כי** תצא למלחמה על אויביך, ווען דו וועסט ארויסגיין אויף א מלחמה, ונתנו ה' אלקיך בידך, וועט אים דער אייבערשטער איבערגעבן אין דיין האנט. ווען דו גייסט ארויס אין א מלחמה, האסטו די כוחות הנפש אז דו זאלסט זיך קענען מתגבר זיין אויפן יצר הרע, ושבית שביו, געדענק דעם ויבטחו בך יודעי שמך, די וואס געדענקן שמ"ך, וואס זיי געדענקן אז דער אייבערשטער האט ארויפגעלייגט אויפן מענטש צוויי שמות, דעם שם הוי"ה מיטן שם שד"י, וואס יעדע צוזאמען זענען בגימטריא די מספר פון ש"ם. די יודעי שמך קענען זיך פארלאזן אויפן אייבערשטען, אז ווען ער וועט ארויסגיין אין א מלחמה, וועט דער אייבערשטער העלפן, ונתנו ה' אלקיך בידך.

*

אחר הברית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אברהם שמואל** (ב"ר יהודא) **זינגער** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **חיים מענדל קיש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אפרים פישל צייגערמאן** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל הר"ר **אברהם יעקב** (אבי) **שטערן** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**הר"ר אברהם:** מיין מאמע האט געהאט אולטצהיימער'ס צוועלף יאר.

**רבינו:** מיין מאמע ע"ה איז געווען דרייצן יאר אזוי.

**הר"ר אברהם:** במשך די שבעה האט מען דא גערעדט וועגן כיבוד אב ואם, האבן מיר עטליכע מענטשען געזאגט, דיין רב איז געווען א סימבאל פון כיבוד אם.

**רבינו:** כיבוד אב ואם איז א חשובע מצוה, אין די תולדות פונעם **חזון איש** שטייט, אז דער **חזון איש** האט געזאגט, אז אלע גדולי ישראל וואס ער האט געקענט, זענען געווען נזהר אין כיבוד אב (עיין **במעשה איש** חלק ד' דף קצח)[א].

חז"ל (דב"ר ו-ב) רופן אן די מצוה פון כיבוד אב, אז עס איז פון די חמורה שבחמורות. און שילוח הקן איז קל שבקלות, דאס איז די גרינגסטע מצוה. און דער אייבערשטער וועט געבן די זעלבע שכר אויף ביידע, למען ייטב לך והארכת ימים (דברים ה-טז, כב-ז).

---

[א] בדרשת פרקי אבות פרשת אחרי קדושים תשע"ז לפ"ק ביאר **רבינו שליט"א**, דבודאי שבלי יגיעה עצומה בתורה לא היה זוכה לזה. אך הכוונה, הרי יש הרבה בעלי כשרונות כמותו, ולא זכו ליהנות לעולם התורה כמותו, ותלה הסייעתא דשמיא בזכות כיבוד אבותיו, ובזכות כיבוד מוריו, שזהו סגולה להגיע לרום המעלה. ושמעתי לרמז כי 'אבות' נוטריקון ת'ורה ו'גדולה ב'מקום א'חד. ולענינינו הכוונה, כי בזכות כיבוד אבות, הבטיחה תורה למען ייטב לך, והטבה זו תרתי משמע, תורה וגדולה במקום אחד ע"כ.

**א' מהנוכחים:** אויף די עלטער ווערט עס שווערער און שווערער.
**רבינו:** דעמאלטס איז די עיקר מצוה[ב].

[ב] נצטט מתוך דברי **רבינו שליט"א** בדרשת פרקי אבות פרשת קדושים תשנ"ה לפ"ק: בימינו אלה שכיח הרבה שהאבות מזדקנים, וצריכין לעזר מבניהם, ולאו כל אחד זוכה להיות בבריאות השלימות ובדיעה צלולה בזקנותו, והרבה יש להתפלל אל תשליכנו לעת זקנה ככלות כוחנו אל תעזבנו, ואז רמיא על הבנים מצות כיבוד כפשוטו, מאכילו ומשקהו, מלביש ומכסה מכניס ומוציא. **ובשלחן ערוך** (יו"ד סימן רמ-ד) ויתננו לו בסבר פנים יפות, שאפילו מאכילו בכל יום פטומות והראה לו פנים זועפות נענש עליו.

כשיש כמה בנים, הרבה פעמים כל אחד מטיל חיובו על השני, ועושין חשבונות שלא יטול אחד חלק בהטירחא יותר מחבירו. אדרבה יש לשמוח על הזכיה שיכולים לכבד האבות. הלא כאשר ימותו, אז יתחרטו על ההתנהגות שהתנהגו בימי חייהם. ויסופר על **הגאון רבי ברוך בער מקאמניץ זצ"ל** שאביו היה נכנס לשיעוריו, והוא כיבד אותו מאוד, שאל ממנו בכל יום רשות קודם שלמד, ואחר כך שאל אותו אם אמר טוב. וכשנסתלק אביו הצטער אולי לא כיבד אותו כראוי, עד שנחלה מזה, והוצרך **החפץ חיים זצ"ל** בקדושתו להרגיעו, ואחר כך דיבר תמיד איך החפץ חיים ממש החיה אותו. - ואיתא בתנא דבי אליהו רבא (פרק כז) כשם שכבדת וענגת את אביך ואת אמך לעת זקנתם, כך תהא מתענג על ה'. ובפייט (לשבועות) ראה פן תעזבם לעת זקונים, שרתם כעבד לאדונים. **ובשלחן ערוך** (שם רמ-י) מי שנטרפה דעת אביו או אמו, משתדל לנהוג עמהם כפי דעתם עד שירוחם עליהם. ואם אי אפשר לו לעמוד מפני שנשתנו ביותר, יש לעשות שאלת חכם איך לנהוג (נדפס **בשמן ראש** חלק ראשון השלם ויקרא דף שמו).

וראה עוד בדרשות פרקי אבות פרשת אחרי קדושים תשע"ז לפ"ק, וזה לשונו: הנה בימי הילדות, כאשר גם האבות הם בכוחותיהם בימי נעוריהם, נוגע בעיקר להבנים מצות מורא, שלא ישב במקומו, וכן לעשות כל מה שהם מצווים לבניהם, אין להעלות על הפה לומר תיבת 'לא' על שום דבר, שלא יסתור דבריהם. [ושמעתי מאחי **הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** שנסע פעם ביחד בקאר עם **כ"ק אדמו"ר מקלויזענבורג זצ"ל**, וראה איך בנו של אחי יושב על חיקו, ונענה כי יתכן שזה נגד מצות מורא אב]. ושוב כאשר באים ימי הזקנה, אז נוגע בעיקר מצות כיבוד, לסייע להם באכילה ושתיה ולבישה וטיול. וגם כאשר יש להם משרתים שמטפלים עמהם, מכל מקום זהו מצות הבן, ומצוה בו יותר מבשלוחו. וכדאי שכל אחד יעבור ויעיין בדיני כיבוד אב (**בשו"ע** יו"ד סימן רמ) לידע פרטי חיובי הבן, הנוגע יום יום.

**הר"ר אברהם:** מיין טאטע ע"ה איז געווען א גאלאנטא תלמיד. ער פלעגט רעדן פונעם **גאלאנטער רב**, ער פלעגט זינגען זיין שלום עליכם, אבער פון די תקופה נאכדעם האט ער נישט גערעדט.
**רבינו:** מיינע עלטערן האבן אויך נישט גערעדט. דער **סאטמארער רב** אין זיינע תורות [היינט איז שוין אלעס געדרוקט], דערמאנט כמעט גארנישט פון די קריג. עס איז געווען אינגאנצן אפאר יאר נאך די קריג, אבער ער האט כמעט נישט גערעדט דערפון.
**א' מהנוכחים:** דער **קלויזענבורגער רב** האט אסאך גערעדט פון די קריג.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת הוואכנאכט בבית הר"ר **יוסף רובין** הי"ו.

ואמרו (קידושין לא:) דרבי טרפון הוה משתבח בי מדרשא, עד כמה הוא מקיים מצות כיבוד אם וכו'. ובתוספות (שם) כתבו, דאיתא בירושלמי, דפעם אחת אימא דרבי טרפון אבדה פזמקי דידה בחצירה, ויצאתה ממטתה לבקשו, ושם רבי טרפון ידו תחת רגליה על הקרקע שלא תטנף רגליה, והיתה דורסת על ידיו ע"כ. הרי לנו עד כמה מוטל על הבנים לכבד את אבותיהם, ולא רק בימי הילדות כשמתגורר עדיין בהבית, אלא גם כאשר האבות באים לימי זקנה, יש לדאוג עליהם להאכילם ולהשקותם ולעשות צרכיהם. ורבי טרפון ליכלך והשחיר את בגדו, להשתטח על הארץ, ולטנף עצמו, עבור כבודו של אמו. וזהו שרימז המשנה, 'הוי קל לראש', היינו להאבות שהם ראש המשפחה, יש להיות קל כנשר וזריז לעמוד לימינם ולכבדם, ונוח לתשחורת, גם אם צריך להשחיר עצמו עבורם, ולעשות פעולות שמתלכלך בזה, גם כן יהא נוח לו לעשות כן עבורם.

ויסופר בספר **מעשה איש** (ח"ב דף קפא) באחד שהיה קשה לו להחזיק את הוריו, והציע לו רבי יעקב הלפרין ז"ל שהוא מוכן להחזיקם, אבל בתנאי שיקבל שכר המצוה. ועלה אל **החזון איש** זצ"ל לשאול כדת מה לעשות. והשיבו, מה השאלה שתפסידו שכר המצוה, בשביל הורים צריך להיות מוכנים אפילו לקפוץ לגיהנם. וחייך ואמר לו, להקב"ה יש מספיק בשבילך ובשביל רבי יעקב ע"כ. והנה על יורדי גיהנם אמרו חז"ל (ראש השנה יז.) דפניהם דומין לשולי הקדירה ע"ש. והיינו שהושחרו מאש הגיהנם כמו שולי קדירה. ועל כן אמר 'ונוח לתשחורת', שיהא נוח לו עבורם להיות קל לקפוץ לגיהנם ולהשחיר עצמו כשולי הקדירה, בשביל לכבדם ע"כ.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **חיים מענדל קיש** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרב **נחמן לייפער** שליט"א, עב"ג בן הרב **אברהם שטיינמעטץ** שליט"א, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. ואצל החתונה של בן הרב **יצחק גרשון שטערן** שליט"א, עב"ג בת הרב **אלי' פאדווא** שליט"א, שהתקיים באולם פרדס צבי.

*

***יום שישי פרשת כי תצא***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יוסף רובין** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם, ומסר אמירת הברכות וקריאת השם להגאון המשגיח **רבי דן סג"ל שליט"א**. אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** לסעודת הברית, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, כי תצא למלחמה על אויביך. אין הייליגע ספרים שטייט, אז עס גייט ארויף אויפן מלחמת היצר, וואס א מענטש האט א שטענדיגע מלחמה. כי תצא למלחמה על אויביך, ווען דו וועסט פירן א מלחמה מיט דיין אויב, ונתנו ה' אלקיך בידך, וועט אים דער אייבערשטער איבערגעבן אין דיין האנט, ושבית שביו. אין הייליגע ספרים שטייט, אז 'שביו' איז די ראשי תיבות ו'יבטחו ב'ך י'ודעי ש'מך (תהלים ט-יא). זיי זאגען פארשידענע אופנים וואס פאר א רמז עס ליגט דערין.

**עס** קען אפשר זיין א ענין, עס שטייט אין הייליגע ספרים, עס איז צוגעברענט אין **זוהר הק'** (תיקון כב סו.), אז בשעת מען מל'ט א קינד, ווערט ארויפגעלייגט אויפן קינד צוויי הייליגע שמות. דער שם הוי"ה מיטן דעם שם שד"י, איינס מלגאו און איינס מלבר, פון אינווייניג און פון אינדרויסן. [אונז פארשטיי מיר נישט די ענינים, אבער מען קען נאר נאכזאגען וואס עס שטייט]. ח"ו אז מען זינדיגט, גייען אוועק די צוויי שמות, און עס קומען צוויי אנדערע שמות, ס"מ מיט שט"ן. עס ווערט געטוישט פון דעם שם אויף יענעם שם. די צוויי שמות באטרעפן דריי הונדערט און פערציג, אזוי ווי די מספר פון ש"ם. וועגן דעם וואונטשט מען אן ביי א ברית, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי די צוויי שמות וואס ער איז אריין לברית, דעם שם הוי"ה מיטן שם שד"י, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, ער זאל בלייבן מיט די צוויי שמות שפעטער אויך.

**דער** שם שד"י שטייט אין רש"י (בראשית מג-יד), אז דער טעם דערפון איז, שאמר לעולמו די. די פשוטע פשט איז, בשעת דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט זיך די וועלט צושפרייט אן א שיעור, און דער אייבערשטער האט געזאגט די, עס איז גענוג, די וועלט זאל זיך אפשטעלן, און די כמות פון די וועלט איז געווארן אזויפיל וויפיל עס איז היינט. יעקב אבינו האט געזאגט, וא-ל שד"י יתן לכם רחמים, מי שאמר לעולמו די יאמר לצרותני די. על כל פנים, דער שם שד"י ווייזט אויף שאמר לעולמו די.

**אויסער** די פשוטע פשט קען זיין אז עס ליגט דערין א ענין. מען האט גערעדט די פאריגע וואך (בדרשות פרקי אבות), אז דער הייליגער **חתם סופר** (בדרשות ר"ה א:, ובנדמ"ח ר"ה דרוש ג') זאגט א דבר נפלא, אז מען זאגט, הפותח יד בתשובה לקבל פושעים וחטאים, די גמרא (מנחות כט.) זאגט, אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט מיט א אות ה"א. פארוואס מיט א אות ה"א. זאגט די גמרא, ווייל א אות ה"א איז אפען פון אונטען, דאס ווייזט אז א מענטש האט א בחירה, אז ער וויל ארויסגיין און טון וואס ער וויל, האט ער די מעגליכקייט צו טון, דער באשעפער האלט נישט צוריק א מענטשנ'ס רצון וואס ער וויל טון. אבער אויב ער איז ארויסגעגאנגען און ער וויל זיך צוריקקערן צום אייבערשטען, איז שווער אז ער זאל צוריקומען פון דעם פלאץ וואו ער איז ארויסגעגאנגען, איז ביי די ה"א דא נאך א פתח פון אויבן, דער אייבערשטער האט געעפענט נאך א טיר אויבן, אז ער זאל קענען אריינקומען און תשובה טון. ער האט צוויי פתחים, א פתח אונטען, און א פתח אויבן, ער זאל קענען חוזר זיין בתשובה. אזוי שטייט אין די גמרא.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, און ברענגט עס צו פון **זוהר הק'** (תיקוני זוהר קד.), אז על פי סוד דארף דער אות ה' געשריבן ווערן א ד' מיט א ו'. די ענין פון דו פרצופין, אזוי וואלט עס געדארפט געשריבן ווערן. זאגט אבער דער **חתם סופר**, להלכה שרייבט מען נישט די אות ה"א, א ד' מיט א ו', נאר א ד' מיט א י'. די פינטעלע אונטען איז נאר קליין אזוי ווי די אות י' (עיין **בית יוסף** או"ח סימן ל"ו בצורת אות ה"א). פרעגט ער, אויב על פי סוד וואלט עס געדארפט זיין א ד' מיט א ו', פארוואס שרייבט מען מיט א ד' און א י'.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, דער אייבערשטער האט דאך געעפענט דעם פתח דארט, כדי אז אויב מען וועט וועלן תשובה טון, זאל מען קענען תשובה טון. ווען עס וואלט געווען א ד' מיט א ו', וואלט נאר געבליבען א קליינעם פתח, און דער אייבערשטער האט נישט געוואלט עפענען א קליינעם פתח, האט דער אייבערשטער פארברייטערט דעם אות ה' פאר א גרויסן פתח, ווייל אויב א יוד וויל תשובה טון, זאל ער קענען צוריקקומען אויבן אין א גרויסען פתח.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, הפותח יד בתשובה, דער אייבערשטער האט געעפענט דעם פתח וואס ער האט געמאכט אויבן, ער האט עס געמאכט 'יד', א ד' מיט א י', נישט א ד' מיט א ו'. לקבל פושעים וחטאים, כדי די פושעים וחטאים זאלן זיך קענען מחזק זיין, זיי זאלן קענען צוריקקומען, האט דער אייבערשטער געעפענט א ברייטען פתח. אזוי שטייט אין **חתם סופר**.

**די** ווארט 'די', איז אויך א ד' מיט א י'. בשעת דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער עס באשאפן מיט די אות ה', און ער האט געזאגט לעולמו די. דער אות ה"א מיט וואס מען באשאפט די וועלט, איז נישט א ד' מיט א ו', נאר עס איז א ד' מיט א י'. ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען א גרויסן פתח ווי מען קען זיך צוריקקערן ווען מען טוט תשובה. - וועגן דעם ווערט עס אנגערופן שם שד"י, וואס דאס ווייזט שאמר לעולמו די, אז דער אייבערשטער האט געגעבן א גרויסן פתח, אז מען זאל קענען חוזר בתשובה זיין.

**ווען** מען ברענגט אריין א קינד בבריתו של אברהם אבינו, מילה איז די הכנה פון קדושה פאר א קינד, מען מל'ט א קינד כדי מען זאל קענען אוועקגיין פון תאות עולם הזה. מי יאמר זכיתי לבי, ווער זאגט אז מען וועט זיך קענען שטענדיג האלטען מיט די קדושה. האט דער אייבערשטער ארויפגעלייגט דעם שם שד"י בשעת מען קומט אריין אין די קדושה, צו ווייזען שאמר לעולמו די, עס איז אייביג דא א פתח אויבן וואו מען קען צוריק קומען. און דעם פתח האב איך געמאכט א ברייטען פתח, נישט א קליינעם פתח. נישט א ד' מיט א ו', נאר א ד' מיט א י'. איז וועגן דעם ביי מצות מילה איז דא דער שם שד"י, שאמר לעולמו די, עס איז די ערשטע פאל ווי א יוד גייט אריין לתורה ולמצות, זאל מען געדענקן אז אפילו עס מאכט זיך עפעס, האט מען אייביג א וועג מען זאל זיך קענען צוריקקערן.

**כי** תצא למלחמה על אויביך, ונתנו ה' אלקיך בידך, ווען מען וועט ארויסגיין אויף א מלחמה, וועט דער אייבערשטער איבערגעבן דעם יצר הרע אין די הענט פונעם מענטש, ושבית שביו, די ראשי תיבות פון ויבטחו בך, עס קענען זיך פארלאזן אויף דיר, יודעי שמך, די וואס פארשטייען דעם שם וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט מיט א אות ה"א, נישט מיט א ד' און א ו', נאר מיט א ד' און א י', די קענען זיך פארלאזען אויפן אייבערשטען, אז אפילו אין וואס פאר א מצב מען איז געווען, ונתנו ה' אלקיך בידך, קען מען זיך צוריקקערן צום אייבערשטען.

*

אחר סעודת הברית התקיים האפשערן של בן הר"ר **יואל ווערצבערגער** הי"ו.

*

***שבת קודש פרשת כי תצא***

ביום שבת קודש בקריאת התורה התקיימה שמחת עליה לתורה של בן הר"ר **אברהם מנחם פרענקל** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית נתכבד **הרה"ג רבי יוסף בידערמאן שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר רבי שמעון נתן נטע זצ"ל מלעלוב ירושלים) בברכת המזון.

# פרשת כי תבוא ט"ו - כ"א אלול תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת כי תבוא***

בשעות אחר הצהרים ביקור **רבינו שליט"א** אצל הר"ר **פנחס שמואל גאנדעל** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **וואלף מארקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **זושא געלב** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת כי תבוא***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **חנני' דוב פאפלאנאש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך איז די פרשה פון ביכורים, ווען א מענטש גייט אריין אין זיין פעלד, און ער זעהט תאנה שביכרה, כורך עליה גמי, מאכט ער א סימן דערויף, אז דאס וועט ער ארויפברענגען אין בית ה' פאר ביכורים. די תורה זאגט (דברים כו-ב), ולקחת מראשית כל פרי האדמה, מען זאל נעמען די ראשית פון די פרי האדמה, און מען זאל עס ברענגען צום כהן. דער **ערוגת הבשם** ברענגט צו פון **רבי אשר ישעי' ראפשיצער זצ"ל**, ער איז געווען א איידעם פונעם **ראפשיצער רב**, דער **זרע קודש**, אז די ראשית, די ערשטע אותיות פון די צוויי ווערטער 'פרי האדמה', איז פ"ה. ולקחת, און דו זאלסט נעמען, מראשית כל פרי האדמה, פון די ראשית פון די צוויי ווערטער 'פרי האדמה', וואס דאס איז 'פה'. די ערשטע עבודה פון א יוד דארף זיין, מען זאל זיך היטן דאס מויל. מה אומנתו של אדם בעולם הזה, יעשה עצמו כאלם (חולין פט.), א מענטש דארף זיך מאכן אזוי ווי א אלם. האמנם אלם צדק תדברון (תהלים נח-ב), האמנם, די אומנות איז, אלם, מען זאל זיין שטיל.

**עס** קען אפשר זיין, מען זיצט ביי א סעודת ברית מילה, דער אייבערשטער האט מצווה געווען, אז א קינד בשעת ער ווערט געבוירן, ער ווייסט נאכנישט קיין שום זאך פון עולם הזה, דארף מען גראד מקדש זיין דאס קינד, אים מכניס זיין בבריתו של אברהם אבינו. קוים וואס ער לעבט, וואס ער איז צוגעקומען צו זיין חיות, פארגיסט ער שוין בלוט פארן אייבערשטען. ווייל דאס איז דער התחלה פון קדושה, און אזוי ווי מען הייבט אן אין די יוגענט, אזוי בלייבט מען שפעטער. כשם שנכנס לברית, אזוי ווי מען איז אריינגעגאנגען לברית אין די יוגענט, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, אלעס ווענדט זיך אין די התחלה. אז די התחלה הייבט זיך אן מיט קדושה, ווערט עס אזוי נמשך אויף שפעטער אויך.

**און** אזוי ווי א יוד דארף דינען דעם אייבערשטען בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך, אזוי ווי ביי זיין נפש האט דער אייבערשטער מצווה געווען, אז תיכף ווען ער באקומט נאר זיין חיות, דארף ער אוועקגעבן זיין בלוט פארן אייבערשטען. די זעלבע איז אין ובכל מאדך, די פארמעגן וואס א מענטש האט, דארף ער אויך אוועקגעבן דעם ראשית פארן אייבערשטען, תיכף ווען ער זעהט א תאנה שביכרה. כאטש ער האט דאך צייט צו געבן ביכורים ווען מען וועט אראפשניידן די תבואה, דעמאלטס וועט ער אראפנעמען די ביכורים, אזוי ווי תרומה וואס ער גיט אויך שפעטער, ער נעמט נישט די תרומה יעצט. פון דעסטוועגן דאך מוז מען אנהייבן תיכף אין אנהייב. ווען ער זעהט א תאנה שביכרה, ווען עס קומט אריין די ערשטע פרי וואס איז געצייטיגט געווארן, די ערשטע דארף מען מנדב זיין פארן אייבערשטען, נאכדעם קען מען נעמען די איבעריגע זאכען פאר זיך.

**קדושת** המילה מיט די ענין פון ביכורים, זענען די זעלבע נקודות. ביי מילה גיט דער מענטש אוועק פארן אייבערשטען זיין ראשית אינעם נפש, און די זעלבע איז ביי פרי האדמה, ביי זיין פארמעגן, דארף ער אוועקגעבן די ראשית פארן אייבערשטען. און אזוי איז אויך ביי יעדן מענטש דעם גאנצן טאג, און זיין גאנץ לעבן. די ערשטע זאך פונעם טאג דאווענט מען, מען טאר נישט טון קיין שום מלאכה פאר מען דאווענט, די ערשטע זאך דארף זיין תפלה. עס קומט ראש השנה, די אנהייב פונעם יאר, איז מען עומד בתפלה, ווייל יעדע זאך האט צוטון מיט די התחלה. ווי אזוי מען הייבט עס אן, אזוי בלייבט עס שפעטער.

**די** ראשית פון פרי האדמה, איז 'פה', די מויל, און מילה באטרעפט אויך אזויפיל וויפיל פ"ה. מראשית כל פרי האדמה, די ראשית פון 'פרי האדמה', איז מיל"ה. די תורה זאגט, ולקחת, איך הייס דו זאלסט נעמען ביכורים, תיכף ווען עס איז תאנה שביכרה זאלסטו אראפנעמען די ביכורים. וואס יאגט עס, איך האב צייט עס צו נעמען שפעטער אויך. ולקחת, לשון לקיחה, דו זאלסט זיך אבער אראפלערנען, מראשית פרי האדמה, פונעם ראשית פון די צוויי ווערטער וואס איז 'פה', וואס איז בגימטריא מיל"ה, מילה האב איך אויך געהייסען אז תיכף ווען א קינד ווערט געבוירן, דארף מען עס גראד מקדש זיין פארן אייבערשטען, און אזוי אויך דארף זיין אלעס וואס דו האסט. וואס דו האסט א ראשית, גיב עס אוועק פארן רבונו של עולם. פון די פרי בטנך וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן האסטו אוועקגעגעבן דעם ראשית, דארפסטו פון פרי האדמה אויך אוועקגעבן די ראשית.

*

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אברהם מאיר שפיטצער** ע"ה, ואצל משפחת קארפן שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **לייב קארפן** הי"ו).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **אברהם מנחם פרענקל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **זלמן לייב טייטלבוים** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **שלמה זלמן ראזענבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **דניאל פנחס ענגעלבערג** ע"ה, שהתקיים באולם לעגעסי. ואצל החתונה של בן הר"ר **אברהם מנחם פרענקל** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתנים והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת כי תבוא***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **נתנאל** (ב"ר מענדל) **ווייס** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דוד** המלך זאגט אין תהלים (קמז-טו) השולח אמרתו ארץ עד מהרה ירוץ דברו. די פשוטע פשט איז, ווען דער אייבערשטער שיקט אראפ א ציווי אויף די וועלט, השולח אמרתו ארץ, ווען ער שיקט אראפ א אמירה אויף די וועלט, עד מהרה ירוץ דברו, קומט עס אן שנעל. ווען א מלך גיט ארויס א באפעל אז מען דארף עפעס טון, נעמט מען שלוחים, און עס נעמט צייט ביז מען קומט אן, און עס ווערט אויסגעפירט. אבער ביים אייבערשטען איז עד מהרה ירוץ דברו, זיינע ווערטער קומען אן שנעל.

**עס** קען זיין לענינינו אז דער פשט דערפון איז, מען געפונט אין די גמרא (ברכות לב:) אז חסידים הראשונים האבן אוועקגעגעבן יעדן טאג אסאך צייט אויף דאווענען. א שעה האט געגומען דאס דאווענען, און א שעה פאר דעם האבן זיי זיך צוגעגרייט צום דאווענען, און א שעה שפעטער האבן זיי שוהה געווען, זיך מתבונן צו זיין אין די תפלות וואס מען האט געדאווענט. יעדע תפלה דריי שעה, און דאס איז געווען דריי מאל אין טאג. קומט אויס, אז ניין שעה איז אוועקגעגאנגען פאר דאווענען. פרעגט די גמרא, ווי אזוי האבן זיי געברענגט פרנסה, און ווען האבן זיי געלערנט. זאגט די גמרא, מתוך שחסידים הם, תורתן משתמרת, עס האט זיך אפגעהיטן די תורה, זיי האבן נישט געדארפט אסאך חזר'ן, זיי האבן געדענקט וואס זיי האבן געלערנט. ומלאכתן מתברכת, דער באשעפער האט געשיקט א ברכה אין די ארבעט. אין ירושלמי (ברכות ה-א) שטייט, אז נישט נאר עס איז געווען די ברכה אין די ארבעט, נאר תורתן מתברכת, עס איז אויך אריינגעקומען א ברכה אין די תורה. וואס א אנדערער דארף זיך פלאגן דערויף א שעה, האבן זיי תופס געווען אין א מינוט. א זאך וואס א אנדערער דארף זיך מוטשען דערויף, איז ביי זיי גרינג אנגעקומען. מתוך שחסידים הם, תורתן מתברכת, עס איז געווען א ברכה אין די תורה אויך.

**דאס** אז מען זאל קענען האבן א השגה אין די תורה, דאס נעמט זיך פון מצות מילה. אזוי שטייט אין די **דעת זקנים מבעלי תוספות** (ריש פ' משפטים), אז מען קען נישט האבן א השגה אין תורה, אנדעם וואס מען האט זיך גע'מל'ט. און ער ברענגט דערויף א פסוק (תהלים קמז-יט) מגיד דבריו ליעקב, נאר ווען איינער איז גע'מל'ט אזוי ווי יעקב, דער קען זוכה זיין צו תורה. אז נישט, איז מען נישט זוכה צו תורה, לא עשה כן לכל גוי, ומשפטים בל ידעום.

**איך** האב געזעהן פון מיין פעטער אין **תהלים ויגד משה** (קאפיטל פג), זאגט ער, אז די תורה הייבט זיך אן מיט א ב', בראשית ברא אלקים (בראשית א-א), און עס ענדיגט זיך מיט א ל'. לעיני כל ישראל (דברים לד-יב). זאגט ער, אז בראשית איז רמז אויף מצות מילה, ווייל די צווייטע מצוה אין די תורה איז מצות מילה. די ערשטע מצוה איז פריה ורביה, און די צווייטע מצוה איז מילה. ב', די צווייטע מצוה, דאס איז מילה. און דאס איז דער ראשית, מצות מילה איז די ערשטע מצוה וואס א יוד איז מקיים. זאגט ער, בראשית, אין זכות פון מצות מילה וואס איז די צווייטע מצוה, און מען איז עס מקיים אין די ראשית, ברא אלקים את השמים ואת הארץ, האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט. אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי (ירמיה לג-כה). דאס איז א רמז אויף די ב'.

**די** תורה ענדיגט זיך מיט א ל', ווייל ל' איז רומז אויף לימוד, לערנען. און עס איז משולב איינס מיטן אנדערן, די תחלת התורה מיט די סוף פון די תורה. דורך די בראשית, דורכדעם וואס מען איז מקיים מצות מילה, דורכדעם איז מען זוכה צו די ל' פון לעיני כל ישראל, מען איז זוכה צו האבן א השגה אין תורה. על כל פנים, די השגה אין תורה קען מען האבן נאר דורך די מצוה פון מילה.

**מצות** מילה ווערט אנגערופן א אמירה. שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב (תהלים קיט-קסב), דרשנ'ט די גמרא (שבת קל.) אז עס גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה. שש אנכי, איך פריי זיך, על אמרתך, אויף די מצוה פון מילה, וואס ווערט אנגערופן א אמירה יחידה וואס מען האט געגעבן פאר אברהם אבינו, כמוצא שלל רב. זאגט מען, השולח אמרתו ארץ, דער אייבערשטער האט געשיקט די מצוה פון מילה, דער אייבערשטער האט געגעבן די מצוה פון מילה אויף די וועלט. און דורך דעם איז מען זוכה, עד מהרה ירוץ דברו, אז ווען עס קומט צו לערנען, און מען דארף רעדן אין תורה, זאל מען זיך נישט דארפן אזויפיל פלאגן אויף תורה, עד מהרה ירוץ דברו, מען איז זוכה אז מען האט א השגה אין די תורה, עס איז תורתו מתברכת.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **ישראל אשר פראמאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **גדליה האפמאן** הי"ו, שהתקיים באולם עמינענס. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת כי תבוא***

בשעות אחר הצהרים הגיע **הגה"צ רבי הערשל אויש שליט"א** אב"ד וואלקאן להזמין את **רבינו שליט"א** להכנסת ספר תורה שנכתבה על ידי מתפללי בית מדרשו.

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** איך באקום שיינע גריסן פון די בית המדרש.

**אב"ד וואלקאן:** עס איז א חשובער עולם.

**רבינו:** זיי האבן א חשובען רב. עס דארף זייןביידע א משפיע און א מקבל. אז עס איז דא גוטע מקבלים ווערט מען נאכדעם א גוטער משפיע. עס איז פארבינדען איינס מיטן אנדערן. דער **סאטמארער רב ז"ל** איז אמאל געווען אין די ערשטערע יארן אין טשיקאגא, ער איז איינגעשטאנען ביים **ווייטצענער רב**, עס איז געווען אין די וואכן פון שובבי"ם, האט דער **ווייטצענער רב** געזאגט, נו, וועט טשיקאגא אויך אמאל הערן א שובבי"ם תורה. האט אים דער **סאטמארער רב** געזאגט, אז ער טראכט נישט צו זאגן, ווייל ער דארף האבן זיין עולם אויף דערצו. ער קען נאר זאגן ווען ער האט דעם ציבור, אבער טאמער עס איז נישט דא דער ציבור...

**אב"ד וואלקאן:** די דיבור פון א ערליכען יוד איז דאך עושה רושם בכל אופן.

**רבינו:** אבער ער האט נישט דעם כח צו זאגען, נאר ווען עס איז דא א מקבל. אין סיגוט איז געווען שלש עשרה מדות א גרויסער ענין. ביים **סאטמארער רב** איז נישט געווען, נאר הושענא רבא. און עס האט זיך אנגעהויבן, ווייל ער האט געוואוינט אין אורשווע, און אין אורשווע איז געווען א שוואכער עולם, און עס איז געווען א מארק טאג, וואס איז בדרך כלל אויסגעקומען דעמאלטס, און קומען פונעם מארק צו א דרשה ארבעט נישט, האט ער ענדערש נישט געזאגט.

**אב"ד וואלקאן:** דער **ישמח משה** האט אויך געזאגט הושענא רבא א גרויסע דרשה.

**רבינו:** אבער שלש עשרה מדות איז נאר געווען ביים **ייטב לב**. - איך זאג עס לטובתם, אז עס איז דא אזעלכע מקבלים, קען מען גרינג משפיע זיין.

**א' ממלויו:** דער רב איז תובע פון אונז, אז אונז וועל מיר מער מקבל זיין, וועט דער רב מער משפיע זיין.

**רבינו:** גוטס מעג מען תובע זיין. רצוננו לעשות רצונך, מען וויל דאך זיין גוט. – דער רב איז פון די איינציגסטע רבנים וואס געבן זיך אוועק פארן ציבור.

**אב"ד וואלקאן:** איך טוה וואס דער רב טוט.

**רבינו:** פון מיר איז נישט קיין ראיה, ווייל איך באקום באצאלט דערפאר...

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לעיר לעיקוואוד, לבית הר"ר **חנני' יו"ט ליפא** (ב"ר הערשל) **שפיץ** הי"ו, וקיבל למשך כמה שעות את קהל אנשי שלומינו לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***יום חמישי פרשת כי תבוא***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן ש"ב הרב **שלמה זלמן פלאם** שליט"א (בן הגה"צ **רבי משה פלאם שליט"א** האדמו"ר מסטרעטין חתן גיסו הגה"צ **אב"ד גרויסוואדיין שליט"א**, וחתן הגה"צ **רבי עקיבא לודמיר שליט"א** אב"ד פרעשבורג), שהתקיים בבית המדרש חשב סופר פרעשבורג. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וקריאת השם.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** להשתתף אצל אסיפת רבנים ואדמורי"ם מנהיגי העדה שליט"א בענין 'גזירת החינוך' בניו יארק, שהתקיים בבית **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**.

במשך האסיפה דיברו העסקנים העוסקים במלאכת הקודש בארגון 'פעירלס', הלא המה הר"ר משה דוד נידערמאן הי"ו, והר"ר חיים דוד צוויבעל הי"ו, וגם העו"ד הר"ר אבי שיק הי"ו, והשמיעו את פרטי הגזירה הנוראה העומד על הפרק, ואת הנעשה בדורון ובמלחמה להעמיד הדת על תילה, בלי שום שינוי מהמסורה לנו מדור דור.

בקשב רב נשמעו דברות קודש ודברים חוצבים של **רבינו שליט"א**, לדעת מה יעשה ישראל לעת כזאת, להרבות בתפלה ובתחנונים לפני שוכן מרומים לביטול הגזירה, ובנתינת צדקה לפעולות הצלת החינוך, ובתשובה ותיקון המעשים על העבר, ותשובה ותפלה וצדקה יעבירו את רוע הגזירה.

בדבריו חיזק את ידי העסקנים העושים ומעשים בנאמנות לביטול הגזירה, וגודל החיוב לעמוד לימינם לחזקם ולאמצם בגוף ובממון, וכל המסייעים בזה הם בכלל ברכת התורה, ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת.

***וזה תוכן הדברים:***

**די** גמרא (סנהדרין לב.) זאגט, אז ביי דיני נפשות איז מתחילין מן הצד. מען האט מיר געבעטן איך זאל רעדן אפאר ווערטער, איך וועל נישט מאריך זיין מיט קיין דברי תורה, עס איז דא א פסוק אין חומש די וואך (דברים כז-כו) ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת. נאך די אלע ארורים וואס איז אויסגערעכנט אין די תורה, איז דא א ארור אויף איינעם וואס איז נישט מקים די דברי התורה, זאל חל זיין אויף אים וואס די תורה זאגט. דער **רמב"ן** זאגט, אז עס גייט ארויף אויף איינעם וואס איז געזעסן און געלערנט, און געטון אלע מצות פון די תורה, און עס האט זיך געמאכט א זמן וואס עס קומען מענטשן וואס ווילן מיפר זיין די תורה, און ער האט א מעגליכקייט דאס צו צושטערן, און ער איז געזעסן ביי זיך אין שטוב, און האט נישט געשטערט, ער האט נישט מקים געווען די תורה פון די וואס זענען עס מפיר, איז אין כלל פון ארור אשר לא יקים

את דברי התורה[א]. און פארקערט עס איז ברוך אשר יקים, ווען מען קומט זיך צוזאם אין אזא פאל, וואס יעדער פון אונז וועט האבן א חלק אין מקים זיין די תורה, איז עס א געוואלדיגער זכות, און א געוואלדיגע ברכה.

**מען** האט פריער געהערט, אז אזא גזירה רעה איז נישט געווען אין אונזער דור, די אלע יארן ביז יעצט. א גזירה וואס איז נוגע פאר די חינוך פון די קינדער פון די תלמוד תורה'ס, און די ישיבות, עס רירט אן יעדען יחיד, פאר זיינע קינדער און אייניקלעך, עס איז נוגע פאר אונז אלע, און פאר יעדן מענטש אין די שטאט. דער אויבערשטער וועט העלפן, אז מען וועט מעביר זיין די גזירה. טאמער דאס ווערט אבער א געזעץ אין אמעריקא, איז דאס א געזעץ וואס מען וועט ליידן דערפון אסאך יארן. א געזעץ וואס וועט האבן א ווירקונג אויף דער גאנצע וועלט, אמעריקא וואס איז א פר"י קאנטר"י, און פון דעסטוועגן דאך האט מען געקענט ארויפצווינגען ווי אזוי מען זאל לערנען אין די מוסדות. דאס גיט א פתח פאר איבעראל. עס איז א געוואלדיגער זכות, אז מען האט א חלק אין צוהעלפן דערצו, אז דאס זאל נישט צוקומען.

**מען** האט פריער געהערט, אז אלע מוסדות התורה האבן זיך צוזאמגענומען אונטער פיערל"ס, זיי טוען זייער ארבעט באמונה, נישט פאר געלט, א גרויס חלק איז לשם שמים, זיי פארשטייען די וויכטיגקייט דערפון. אמאל ווען עס איז געווען א גזירה, איז עס געווען אין די הענט פונעם מלך, און דעם מלך האט מען געקענט אונטערקויפן. היינט האט ער געזאגט אזוי, מארגן קען ער זאגן אנדערש. אמעריקא איז מיט דעם אנדערש אויסגעשטעלט, עס איז זייער שווער אז מען זאל קענען מיט געלט מבטל זיין א גזירה, עס איז נישט שייך מען זאל משתדל זיין, ווייל אלעס קומט אן אויף די וועלט מיט די צייטונגען וואס איז דא, און אלעם וואס איז דא ארום און ארום. און ווען עס קומט ארויס א זאך, בלייבט עס אזוי אויף שפעטער אויך.

[א] וזה לשון **הרמב"ן** (כז-כו): ובירושלמי (סוטה ז-ד) ראיתי, אשר לא יקים את דברי התורה הזאת, ידרשו בהקמה הזאת, בית המלך והנשיאות שבידם להקים את התורה ביד המבטלים אותה, ואפילו היה הוא צדיק גמור במעשיו והיה יכול להחזיק התורה ביד הרשעים המבטלים אותה, הרי זה ארור ע"ש.

**עס** איז א געוואלדיגע חוב קודש אויף יעדן איינעם וואס האט א מעגליכקייט צוצוהעלפן דערצו, אז דאס זאל נישט צושטאנד קומען. די רעגירונג זאל וויסן, אז מען קען זיך נישט אריינמישן אין אונזער חינוך וואס מיר האבן מקבל געווען, מיר וועלן נישט מאכן קיין שום פשרות אין קיין שום זאך, מיר וועלן זיך אנהאלטן צו די דרכי התורה. איז עס א געוואלדיגע זכות פאר יעדן איינעם.

**מען** זאגט אין די תפלות, ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה. תפלה איז מעביר את רוע הגזירה, עס קומען די הייליגע טעג, מיר קענען זיך נישט פארלאזן אויף וואס מיר טוען, מען טוט נאר ווייל מען דארף צו טוהן, אלעס איז אין די הענט פונעם אייבערשטען, און מען דארף מתפלל זיין דערויף. **און עס ליגט א חוב קודש מעורר צו זיין יודען אויף תפלה, אז מען דארף מתפלל זיין דערויף אין די הייליגע טעג, מען דארף מעורר זיין אויף תפלה. מען פארלאזט זיך אסאך מאל, עס איז אמעריקא, מען וועט זיך קענען אדורכקומען, מען וועט שוין טרעפן די השתדלות דערצו, אז מען וועט שוין מבטל זיין וואס מען דארף. מען קען זיך נישט פארלאזן דערויף, עס איז נאר די צווייטע חלק. מען דארף קודם מתפלל זיין, יעדער זאל מעורר זיין אין זיין מקום, אז מען דארף האבן תפלות. עס זאל אריינגיין אין הערצער פון יודען, אז זיי זאלן וויסן אז מיר שטייען פאר א שווערען מצב און א געוואלדיגע גזירה וואס ליגט אויפ'ן כלל ישראל.**

**צדקה. עס קאסט א ים מיט געלט, ווי מען האט פריער געהערט וויפיל עס קאסט נאר איין חודש דאס אויפצוהאלטן. מען מאכן קאמפעינ'ס דערפאר, און מעורר זיין, אז עס איז א חיוב צונעמען א חלק. און עס איז א זכות אז מען קען האבן א חלק אין אויפשטעלן תורה ביי גאנץ כלל ישראל.** די וואך אין די פרשה זאגט רש"י (כו-טו), השקיפה ממעון קדשך מן השמים, אפילו יעדע השקפה איז לרעה, אבער מתנת עניים איז מהפך פון א רעה לטובה. קינדער וואס זיצן און לערנען איז דאך מתנת עניים, יעדע פרוטה וואס מען גיט, האט א געוואלדיגע כח צו העלפן מעביר זיין די גזירה.

**תשובה** איז אויך א חלק דערפון. איך וועל נישט אריינגיין דערין יעצט, אבער איך וויל עס מעורר זיין,

מען דארף זיך מתבונן זיין, פארוואס איז געקומען אזא גזירה. וואס האט צוגעברענגט דערצו, אז אונזער היימישע קינדער, וואס זענען נתחנך געווארן אין אונזערע מוסדות, זאלן זיין אזעלכע וואס זיי האבן אריינגעברענגט די קלאגע אקעגן די מוסדות התורה. עס איז מעגליך אז עפעס דארף האבן א תיקון אין אונזערע חינוך אין די מוסדות. יעדער ווייסט די פראבלעמען היינט, עס איז דא עלטערן וואס קענען אסאך מאל נישט אריינגעבן די קינדער אין תלמוד תורה און אין ישיבות, און עס קומט ארויס אז עס פאלן אוועק. עס איז א געוואלדיגע פראבלעם. פון די אנדערע זייט זענען די מוסדות אויך געדרעכט. מען דארף נאך יום טוב זיך אראפזעצן, און מטכס עצה זיין, וואס מען קען טון צו דעם, אז עס פאלן אוועק אזויפיל קינדער, פארוואס מען קען נישט עפעס טון דערצו, זעהן וואס איז יא בידינו אז מען זאל קענען טון.

**אין** דעם זכות וואס מען וועט טון וואס מען דארף צו טון, זאל דער אויבערשטער העלפן אי"ה, אז מען זאל אויספועל'ן אז מען זאל קענען מבטל זיין די גזירה. און יעדער זאל מעורר זיין ביי זיך אין בית המדרש, סיי אויף דעם ענין פון תפלה, מען זאל מתפלל זיין דערויף. און סיי אויף די חשיבות פון צדקה וואס ליגט אין דעם, אז מען זאל געבן א יד פאר די וואס שטעלן זיך אוועק דערפאר, זיי טוען קעמפן דערויף בלב ובנפש, כדי אז דאס זאל קענען בטל ווערן. און שפירן פאר א זכות, אז מען קען האבן א חלק דערין.

**עס** שטייט אין **רמב"ן**, ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת, אז איין פשט איז, אז עס גייט ארויף אויף בית דין. און איין פשט איז, אז עס גייט ארויף אויפ'ן חזן. לויט דעם איז די פשט, דער הייליגער **חתם סופר** שטעלט זיך דערויף, און ער זאגט, אז דער עיקר איז דער ארור אויף די וואס האבן א כח מפיר צו זיין, אזוי ווי ביי יודען איז דא ערבות, אויב זיי טוען נישט וואס זיי דארפן צו טון, אפילו דער חזן ווערט אויך אין כלל פונעם ארור, ווייל ער האט נישט מוחה געווען אויף די וואס האבן געקענט טון, ווייל עס איז דא ערבות.

**עס** קען זיין אז דער יקים את דברי התורה הזאת גייט אויך ארויף אויף די רבנים, זיי האבן די כוחות אויף כלל ישראל, זיי זענען עומד בראש אז מען זאל קענען מקים זיין די דברי התורה. דער חזן וואס שטייט אויף תפלה, האט אויך א חלק דערין. ווייל ער דארף מתפלל זיין, און עומד זיין דערויף, אז עס זאל בטל ווערן די גזירה. און יעדער יוד פון אונז, קען זיין אין דעם כלל פון ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת, אז מען גיט געלט, און מען האט א חלק אין דעם וואס מען טוט אין מבטל זיין די גזירה, האט ער מקים געווען את דברי התורה הזאת.

**דער** אייבערשטער וועט העלפן אי"ה, די גזירה וועט בטל ווערן, מען וועט עס קענען אדורכקעמפן מיט'ן אייבערשטענס הילף, און יעדער וואס האט געהאט א חלק, עפעס צו-געטון דערצו, וועט זיין אין כלל פון ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת. זאלן מיר אלע האבן א גוט געבענטשט יאר, און א כתיבה וחתימה טובה, און מיר זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים הגיע **הרה"ג רבי אהרן שמואל פרענקל שליט"א** גאב"ד חוג חתם סופר ירושלים לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל המעמד הגדול למאות ילדי תשב"ר הנמנים בחבורת **'קנין משנה'**, שהתקיים באולם עדן פעלעס, ונשא מדברות קדשו לכבודה של תורה, כאשר עשרות תלמידים זכו לסיים כל ששה סדרי משנה שלמדו במסגרת החבורה.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** איז ביי מיר א געוואלדיגע שמחה, אנטייל צו נעמען ביי די סיום פון די טייערע קינדער, וואס א טייל האבן שוין מסיים געווען, און א טייל האלטן אינמיטן מסיים זיין ששה סדרי משנה. עס איז א געוואלדיגע זכות וואס מען איז זוכה אוועקצונעמען פון די פרייע צייט וואס מען האט, און עס אוועקגעבן פאר לערנען משניות. מען ווייסט וואס עס שטייט אין די גמרא (שבת קיט:) אז דער קיום העולם איז אין זכות פון הבל תינוקות של בית רבן שאין בהם חטא. אין די ווערטער וואס עטץ זאגטס ארויס בשעת'ן לערנען, פון דעם שטייט די גאנצע וועלט. אזוי זאגן אונז די חכמים. דאס איז אפילו

אויף תורה וואס מען לערנט בשעת מען איז אין חדר, און מען דארף גיין לערנען. און כל שכן די תורה וואס מען לערנט אויף די אייגענע צייט, אין א צייט וואס קינדער גייען ארום ליידיג, אין א צייט וואס מען קען זיך שפילן, און פון דעסטוועגן דאך נעמט מען אראפ צייט צו לערנען משניות, און מען לערנט איין מסכת נאך די אנדערע מסכתא, ווי חשוב איז ענקער תורה אין הימל.

**עס** שטייט אין חז"ל (ויק"ר ז-ג) אין הגליות מתכנסות אלא בזכות משניות, די גאולה וואס אונז ווארט מיר, אז משיח זאל קומען און אויסלייזען יודען, וועט זיין אין זכות פון משניות. שנאמר (הושע ח-י) גם כי יתנו בגוים, עתה אקבצם. אין זכות וואס מען לערנט משניות, וועט זיין די גאולה. אויב דאס איז אויף משניות וואס ערוואקסענע מענטשען לערנען, כל שכן משניות פון הבל פיהם של תינוקות של בית רבן, ווי חשוב וועט עטץ זיין ווען משיח וועט קומען, און מען וועט אנצייגען, עטץ האטס מקרב געווען די גאולה.

**משניות** הייבט זיך אן מיט א מ'. מ'אימתי קורין את שמע, און עס ענדיגט זיך מיט א מ', ה' יברך את עמו בשלום. עס שטייט אין **זרע קודש** פונעם הייליגען **ראפשיצער רב זי"ע**, ווען א מענטש וויל ארויסזאגן מיט זיין מויל דאס אות מ"ם, הייבט זיך עס אן מיט א מ' און עס ענדיגט זיך מיט א מ'. בשעת ער וויל אנהייבן צו זאגן די מ', מוז ער עפענען די ליפן. און ווען ער ענדיגט צו זאגן דעם איינעם אות מ', מוז ער פארמאכן די ליפן. ווען עטץ וועטס עס אויספרובירן וועט עטץ זעהן. ווען מען הייבט אן צו זאגן די אות מ', עפענט מען די ליפן, און ווען מען ענדיגט צו זאגן די אות מ', דארף מען צומאכן די ליפן. דאס ווייזט אז אויסער תורה דארף מען גארנישט רעדן. יעשה עצמו כאלם, זאגט די גמרא (חולין פט.). די ווערטער האט דער אייבערשטער געגעבן, אז מען זאל עס אויסנוצן פאר תורה. משניות הייבט זיך אן מיט א מ', און עס ענדיגט זיך מיט מ', כדי צו ווייזען אז דאס דארף זיין די דיבור פון א יוד. ווען מען הייבט אן צו לערנען משניות עפענט מען דאס מויל, און ווען מען ענדיגט משניות, מאכט מען צו דאס מויל, ווייל אונזער חשיבות איז, צו נוצן דאס מויל פאר תורה. ודברת בם (דברים ו-ז) ולא בדברים בטלים (יומא יט:), ב"ם איז ב' מ', צוויי מ"ם. די מ"ם וואס מען הייבט אן משניות, און די מ"ם וואס מען ענדיגט משניות, אין דעם דארף מען שטענדיג רעדן, ולא בדברים בטלים.

**איך** בין זיכער אז עס קומט נישט אן גרינג. עס איז אין א צייט וואס מען קען זיך שפילן, די ברודערס און די שוועסטערס שפילען זיך, און מען זעצט זיך אריין אין א שול און מען לערנט משניות, נאך א משנה און נאך א משנה, עס קומט נישט אן גרינג, אבער דער שכר דערפון איז זייער גרויס. די קינדער וואס האבן געלערנט משניות ווען מען איז געווען קליין, די וואקסען אויס די תלמידי חכמים אינעם דור. עטץ האטס אלע די מעגליכקייט אויסצוואקסען גדולי ישראל. די וואס לערנען משניות האבן א ידיעה אין די גאנצע תורה. און דאס גיט שפעטער אז מען זאל קענען שטייגען אין תורה און יראת שמים.

*

**איך** וויל ענדיגען מיט א ווארט, עס שטייט אין פסוק (בראשית לז-ג) אז יעקב האט ליב געהאט יוסף, כי בן זקנים הוא לו, ווייל ער איז אים געווען א בן זקונים. זאגט רש"י, אז אלעס וואס יעקב האט געלערנט פון שם ועבר, האט ער איבערגעגעבן פאר יוסף. עס שטייט אין **בעל הטורים**, אז זקני"ם איז די ראשי תיבות פון די ששה סדרי משנה, ז' איז זרעים, מ' איז מועד, נ' איז נשים, ק' איז קדשים, און אינדערמיט איז דא א יוד, ווייל די גמרא (שבת לא.) זאגט, אז נזקין ווערט אנגערופן ישועות, ישועות איז סדר נזקין. יוסף איז געווען א בן זקנים, יעקב האט געלערנט מיט יוסף גאנץ ששה סדרי משנה. וועגן דעם האט ער אים ליב געהאט, ווייל ער האט געקענט גאנץ משניות.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **גערער רבי**, דער **אמרי אמת**. ער פרעגט, אז משניות האט זעקס סדרים, עס איז דא טהרות אויך, פארוואס שטייט נישט טהרות. אין כי בן זקני"ם הוא לו איז נאר אויסגערעכנט פינף אותיות, עס פעלט טהרות. דער **גערער רבי** האט געענטפערט דערויף, אז אויף טהרות דארף מען הארעווען אליין. טהרות נעמט מען נישט איבער פון א צווייטן, פאר דעם חלק דארף מען אליין הארעווען, און דאס האט ער נישט מקבל געווען פון יעקב.

**איך** מיין אז מען קען זאגן נאך א טעם פארוואס טהרות איז נישט אויסגערעכנט. ווייל ווען מען איז

זוכה צו קענען אלע פרקים פון סדרי משנה פון זקני"ם, קומט נאכדעם די טהרה פון זיך אליין. אז מען זיצט און מען לערנט תורה, וואקסט מען אויס א ריינע איידעלע יוד. און דאס איז ענקער חשיבות, מען זיצט און מען לערנט, און עטץ שטייגטס אין לימוד המשניות, דאס ברענגט שפעטער אז מען קען אויסוואקסען ריין און ערליך, טהורים וקדושים. מוז מען נישט מרמז זיין עקסטער אז דאס האט ער אויך מקבל געווען פון יעקב, ווייל דאס קומט פון זיך אליין, אז מען זיצט און מען לערנט משניות.

**ווייל** איך נאר אנוואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל געבן מען זאל קענען שטייגען ווייטער אויך, און אויסוואקסען גרויסע תלמידי חכמים און ערליכע יודען. עטץ זאלטס וויסן אז ענקערע עלטערן האבן א געוואלדיגע הנאה פון ענק. ווען א טאטע און א מאמע זעהן ווי אזוי א קינד זיצט און לערנט משניות, דאס איז די גרעסטע תענוג וואס מען קען געבן פאר עלטערן. זאל דער אייבערשטער געבן אז ענקערע עלטערן זאלן זעהן פון ענק אסאך נחת דקדושה, און מען דארף באדאנקען פאר די וואס פירן אן מיט די 'קנין משנה', עס איז א געוואלדיגער זכות וואס זיי האבן, אז זיי האבן אריינגעברענגט די לימוד המשניות אין די פרייע צייטן פאר די קינדער. זאלן זיי קענען ווייטער אויך מוסיף זיין און צוגעבן דערצו. מען שטייט פאר א נייע יאר, זאלן מיר האבן א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר, א פרייליך יאר און א לוסטיג יאר. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***יום שישי פרשת כי תבוא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הרה"ג רבי **שמשון ראאב** שליט"א, ולבן הר"ר **הערשל ווייס** הי"ו (פלעטבוש). אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת כי תבוא***

בסעודה שלשית נתכבד **הרה"ג רבי אהרן שמואל פרענקל שליט"א** גאב"ד חוג חתם סופר ירושלים בברכת המזון.